STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10716

BARIKHT-FORTROG

Joseph Stalin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

י. סטאלינ

באריכט־פאָרטראָג
אפנ XVIII פארטיי־צוזאמענפאָר
וועגנ דער ארבעט
פונעמ צק אלקפ(ב)

מעלוכע־פארלאג „דער עמעס“
1939

I

די צווישנפעלקערלעכע לאגע פונעמ ראטנפארבאנד

סאוויירימ! זינט דעמ XVII פארטיי-צוזאמענפאר איז אריבער פינפ יאר. א פעריאד, ווי איר זעט, ניט קיינ קליינער. פאר דער דאזיקער צייט האט די וועלט באוויזנ איבערצולעבנ באדייטנדיקע ענדערונגענ. מעלוכעס אונ לענדער, זייערע באציונגענ צווישנ זיכ זיינענ אינ פיל הינזיכטנ געווארנ אבסאליוט אנדערע.

וואסערע ענדערונגענ נעמלעכ זיינענ פאר דעמ דאזיקנ פעריאד פארגעקומענ אינ דער צווישנפעלקערלעכער סיטואציע? וואס נעמלעכ האט זיכ געענדערט אינ דער אויסערלעכער אונ אינערלעכער לאגע פונ אונדזער לאנד?

פאר די קאפיטאליסטישע לענדער איז דער דאזיקער פעריאד געווענ א פעריאד פונ סאמע ערנסטע אופטרייסלונגענ סיי אינ געביט פונ עקאנאמיק, סיי אויכ אינ געביט פונ פאליטיק. אינעמ עקאנאמישנ געביט זיינענ די דאזיקע יארנ געווענ יארנ פונ דעפרעסיע, אונ דערנאכ, אנהייבנדיק פונ דער צווייטער העלפט 1937 יאר, — יארנ פונ א נייעמ עקאנאמישנ קריזיס, יארנ פונ א נייער יערידע פונ דער אינדוסטריע אינ פשא, אינ ענגלאנד, פראנקרייכ, — אלזא, יארנ פונ נייע עקאנאמישע קאמפליקאציעס. אינעמ פאליטישנ געביט זיינענ די דאזיקע יארנ געווענ יארנ פונ ערנסטע פאליטישע קאנפליקטנ אונ אופטרייסלונגענ. שוינ דאס צווייטע יאר גייט א נייע אימפעריאליסטישע מילכאמע, וואס האט זיכ צעשפילט אפ א קאלאסאלער טעריטאריע פונ שאנכיי ביז גיבראלטאר אונ וואס האט פארכאפט העכער 500 מיליאנ באפעלקערונג. אפ א געוואלט-אויפנ ווערט איבערגעשטוקעוועט די קארטע פונ אייראפע, אפריקע, אזיע. עס איז אופגעטרייסלט געווארנ ביזנ גרונט די גאנצע סיסטעמ פונ דעמ נאכמילכאמעדיקנ אזויגערופענעמ פרידנס-רעזשימ.

פארנ ראטנפארבאנד, פארקערט, זיינענ די דאזיקע יארנ געווענ יארנ פונ זיינ וווקס אונ אופבלי, יארנ פונ זיינ ווייטערדיקנ עקאנאמישנ אונ קולטורעלנ אופשטייג, יארנ פונ ווייטערדיקנ וווקס פונ זיינ פאליטישער אונ מיליטערישער מעכטיקייט, יארנ פונ זיינ קאמפ פאר איינהיטנ דעמ שאלעמ אינ דער גאנצער וועלט.

אזא איז דאָס אלגעמיינע בילד.

לאָמיר באטראכטן די קאָנקרעטע אָנגאבן וועגן די ענדערונגען אין דער צווישנפעלקערלעכער סיטואציע.

1. דער נײַער עקאָנאָמישער קריזיס אין די קאפּיטאליסטישע לענדער. די פארשארפונג פונעם קאמף פאר אָפּזאץ־מערק, פאר רויווארג־קוואלן, פאר א נײַער איבערפארטיילונג פון דער וועלט

דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין די קאפּי־טאליסטישע לענדער אין דער צווייטער העלפט 1929 יאָר, האָט געדוי־ערט ביזן סאָף 1933 יאָר. נאָך דעם איז דער קריזיס אריבערגעגאנגען אין א דעפּרעסיע, און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן א געוויסע אויפלע־בונג פון דער אינדוסטריע, א געוויסער אויפשטײַג אירער. אָבער די דאָ־זיקע אויפלעבונג פון דער אינדוסטריע איז נישט אריבערגעגאנגען אין קיין אויפבלי, ווי דאָס קומט פאָר געוויינלעך אין א פּעריאָד פון אויפלע־בונג. פארקערט, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט 1937 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן א נײַער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט פארכאַפּט פריִער פאר אלץ די פשא, און גלײַך נאָך זיי — ענגלאנד, פראנקרײַך און א ריי אנדערע לענדער.

אזוי־ארום, נאָך נישט באוויזנדיק קומען צו זיך פון די קלעפּ פון דעם נאָרוואָס פאָרגעקומענעם עקאָנאָמישן קריזיס, זײַנען די קאפּיטאליסטי־שע לענדער געבליבן שטיין פארן פאקט פון א נײַעם עקאָנאָמישן קרי־זיס.

דער דאָזיקער אומשטאנד האָט נאטירלעך געבראכט צו א פאר־שטארקונג פון דער ארבעטסלאָזיקײַט. די צאָל ארבעטסלאָזע אין די קא־פּיטאליסטישע לענדער, וואָס איז געווען געפאלן פון 30 מיליאָן מאן אין יאָר 1933 ביז 14 מיליאָן אין יאָר 1937, איז איצט אין רעזולטאט פון דעם נײַעם קריזיס ווידער געשטיגן ביז 18 מיליאָן מאן.

די כאראקטעריסטישע באזונדערקײַט פון דעם נײַעם קריזיס בא־שטייט דערין, וואָס ער אונטערשיידט זיך אין פיל הינזיכטן פון דעם פאָריקן קריזיס, דערבײַ אונטערשיידט ער זיך נישט צום בעסערן, נאָר צום ערגערן.

ערשטנס, האָט זיך דער נײַער קריזיס אָנגעהויבן נישט נאָך אן אויפ־בלי פון דער אינדוסטריע, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1929, נאָר נאָך א דעפּרעסיע און א געוויסער אויפלעבונג, וועלכע איז, אָבער, נישט אריבערגעגאנגען אין אן אויפבלי. דאָס באטײַט, אז דער איצטיקער קרי־זיס וועט זײַן א שווערערער און מיט אים וועט זײַן שווערער צו קעמפן, איידער מיט דעם פאָריקן קריזיס.

ווײַטער, האָט דער איצטיקער קריזיס זיך צעשפּילט נישט אין קיין

פרידנס-צײַט, נאָר אינעמ פעריִאָד פונ דער צווייטער אימפעריִאליסטישער מילכאָמע, וועלכע האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ, ווענ יאפאָניע, מילכאָמע האלטנדיק שוינ דאָס צווייטע יאָר מיט כינע, דעזאָרגאניזירט דעמ אומגעהײַערנ כינעזישנ מארק אונ מאכט אימ קימאט אומצוטריטלעכ פאר די סכוירעס פונ אנדערע לענדער, ווענ איטאליע אונ דײַטשלאנד האָבנ שוינ אריבערגעפירט זייער פאָלקסווירטשאפט אפ די רעלסנ פונ קריגס-עקאָנאָמיק, האָבנדיק אוועקגעפאטערט אפ דער דאָזיקער זאכ זייערע רעזערוונ רויווארג אונ וואליוטע, ווענ אלע איבעריקע גרויסע קאפיטאליסטישע מעלוכעס הייבנ אָנ איבערצובויענ זיכ אפ א קריגס-אויפנ. דאָס באטײַט, אז פאר א נאָרמאלנ ארויסגאנג פונעמ איצטיקנ קריזיס וועט דער קאפיטאליזמ האָבנ רעסורסנ א סאך ווייניקער, איידער אינעמ פעריִאָד פונעמ פאָריקנ קריזיס.

ענדלעכ, צומ אונטערשייד פונ דעמ פאָריקנ קריזיס, איז דער איצטיקער קריזיס ניט קיינ אלגעמיינער, נאָר ער פארכאפט, פאָרלויפיק, דעריקער די עקאָנאָמיש מעכטיקע לענדער, וואָס זײַנענ נאָכ ניט אריבערגעגאנגענ אפ די רעלסנ פונ קריגס-עקאָנאָמיק. וואָס איז שײַעכ די אגרעסיווע לענדער, ווי אשטייגער יאפאָניע, דײַטשלאנד אונ איטאליע, וואָס האָבנ שוינ איבערגעבויט זייער עקאָנאָמיק אפ א קריגס-אויפנ, איז זיי, אנטוויקלענדיק שטארק זייער קריגס-אינדוסטריע, לעבנ נאָכ ניט איבער קיינ צושטאנד פונ איבערפראָדוקציע-קריזיס, האגאמ זיי דערנענטערנ זיכ צו אימ. דאָס באטײַט, אז אינ דער צײַט, ווענ די עקאָנאָמיש מעכטיקע, ניט-אגרעסיווע לענדער הייבנ אָנ ארויסצוקריכנ פונעמ קריזיס-פעריִאָד, וועלנ די אגרעסיווע לענדער, האָבנדיק אויסגעצערט זייערע גאָלד- אונ רויווארג-רעזערוונ אינ גאנג פונעמ קריגס-פיבער, מוזנ ארײַנטרעטנ אינ א פעריִאָד פונ א גרויזאמסטנ קריזיס.

דאָס ווערט אָנשוילעכ איליוסטרירט אפילע דורכ די אָנגאבנ וועגנ די פאראנענע אָנזיכטבארע גאָלד-רעזערוונ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער.

די אָנזיכטבארע גאָלד-רעזערוונ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער

(אינ מלנ. אלטע גאָלד-דאָלארנ)

	סאָפ 1936 י.	סענטיאבער 1938 י.
סאכאקל	12.980	14.301
פשא	6.649	8.126
ענגלאנד	2.029	2.396
פראנקרײַכ	1.769	1.435
האָלאנד	289	595
בעלגיע	373	318
שווייצ	387	407
דײַטשלאנד	16	17
איטאליע	123	124
יאפאָניע	273	97

פונ דער דאָזיקער טאבעלע איז צו זענ, אז די גאָלד-רעזערוונ פונ דײַטשלאנד, איטאליע אונ יאפאָניע, צוזאמענ גענומענ, שטעלנ מיט זיכ פאָר א קלענערע סומע, איידער די רעזערוונ בלויז פונ דער שווייצ אליינ.

אָט זײַנענ אייניקע ציפער-אָנגאבנ, וואָס אילוסטרירנ די קריזיס-לאגע פונ דער אינדוסטריע פונ די קאפיטאליסטישע לענדער פאר די לעצטע פינפ יאָר אונ די באוועגונג פונעמ אינדוסטריעלנ אופשטײַג אינ סססר.

דער פארנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פראָדוקציע אינ פראָצענטנ צומ 1929 יאָר

(1929=100)

	1934	1935	1936	1937	1938
פשא	66,4	75,6	88,1	92,2	72,0
ענגלאנד	98,8	105,8	115,9	123,7	112,0
פראנקרײַכ	71,0	67,4	79,3	82,8	70,0
איטאליע	80,0	93,8	87,5	99,6	96,0
דײַטשלאנד	79,8	94,0	106,3	117,2	125,0
יאפאָניע	128,7	141,8	151,1	170,8	165,0
סססר	238,3	293,4	382,3	424,0	477,0

פונ דער דאָזיקער טאבעלע איז צו זענ, אז דער ראטנפארבאנד איז דאָס אייגציקע לאנד אינ דער וועלט, וואָס ווייסט ניט פונ קיינ קריזיס: אונ וועמעס אינדוסטריע עס גייט די גאנצע צײַט בארג-ארופ.

פונ דער דאָזיקער טאבעלע איז צו זענ ווײַטער, אז אינ די פשא, אינ ענגלאנד אונ אינ פראנקרײַכ האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ אונ אנטוויקלט זיכ אנ ערנסטער עקאָנאָמישער קריזיס.

פונ דער דאָזיקער טאבעלע איז צו זענ, ווײַטער, אז אינ איטאליע אונ יאפאָניע, וואָס האָבנ פריִער פאר דײַטשלאנד אריבערגעפירט זייער פאָלקסווירטשאפט אפ די רעלסנ פונ קריגס-עקאָנאָמיק, האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ אינ יאָר 1938 א פעריאָד פונ דער באוועגונג פונ דער אינדוסטריע בארג-אראָפ.

פונ דער דאָזיקער טאבעלע איז צו זענ, ענדלעכ, אז אינ דײַטשלאנד, וואָס האָט שפּעטער פונ איטאליע אונ יאפאָניע איבערגעבויט איר עקאָנאָמיק אפ א קריגס-אויפנ, לעבט נאָכ דערווײַל איבער די אינדוסטריע א צושטאנד פונ א געוויסער, עמעס, ניט קיינ גרויסער, נאָר דאָכ א באוועגונג בארג-ארופ, — אנטשפּרעכיק דערצו, ווי דאָס איז געווענ ביז צו דער לעצטער צײַט אינ יאפאָניע אונ איטאליע.

עס קאָנ ניט זײַנ קיינ ספק, אז, אויב עס וועט ניט געשענ עפּעס אומפאָרויסגעזעענס, וועט די אינדוסטריע פונ דײַטשלאנד זיכ מוזנ

שטעלנ אפנ זעלבנ וועג פונ באוועגונג בארג־אראָפ, אפ וועלכנ עס האָבנ זיכ שוינ געשטעלט יאפאָניע אונ איטאליע. ווײַל וואָס באטײַט אריבערפירנ די ווירטשאפט פונ א לאנד אפ די רעלסנ פונ קריגס־עקאָנאָמיק? דאָס באטײַט געבנ דער אינדוסטריע אנ אײַנזײַטיקע, מיליטערישע ריכטונג, אלמעגלעכ פארברייטערנ דאָס פראָדוצירנ פונ זאכנ, וואָס זײַנענ נייטיק פאר מילכאָמע, וואָס עס איז ניט פארבונדנ מיטנ געברויכ פונ דער באפעלקערונג, אלמעגלעכ פארשמעלערנ דאָס פראָדוצירנ אונ באזונדערס דאָס ארויסלאָזנ אפנ מארק זאכנ פונ געברויכ פונ דער באפעלקערונג, — אלזאָ, פארקירצנ דעמ געברויכ פונ דער באפעלקערונג אונ אוועקשטעלנ דאָס לאנד פאר אנ עקאָנאָמישנ קריזיס.

אזא איז דאָס קאָנקרעטע בילד פונ דער באוועגונג פונעמ נײַעמ עקאָנאָמישנ קריזיס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער.

פארשטענדלעכ, אז אזא אומגינסטיקער קער פונ די ווירטשאפטלעכע איניאָנימ האָט ניט געקאָנט ניט ברענגענ צו א פארשארפונג פונ די באציִונגענ צווישנ די מעלוכעס. שוינ דער פאָריקער קריזיס האָט צעפלאָנטערט אלע קאָרטנ אונ געבראכט צו א פארשארפונג פונעמ קאמפ פאר די אָפזאצ־מערק, פאר די רויוואַרג־קוואלנ. דאָס פארכאפנ מאנטשזשוריע אונ צאָפנ־כינע דורכ יאפאָניע, דאָס פארכאפנ אביסיניע דורכ איטאליע, — דאָס אלצ האָט אָפגעשפיגלט די שארפקײַט פונעמ קאמפ צווישנ די מעלוכעס. דער נײַער עקאָנאָמישער קריזיס דארפ ברענגענ אונ ער ברענגט ווירקלעכ צו א ווײַטערדיקער פארשארפונג פונ דעמ אימפעריאליסטישנ קאמפ. עס האנדלט זיכ שוינ ניט וועגנ דער קאָנקורענצ אפ די מערק, ניט וועגנ האנדלס־מילכאָמע, ניט וועגנ דעמפינג. די דאָזיקע קאמפס־מיטלענ זײַנענ שוינ לאנג אָנערקענט פאר ניט־גענוגנדיקע. עס האנדלט זיכ אצינד וועגנ א נײַער איבערפארטיילונג פונ דער וועלט, פונ די ווירקונגס־ספערנ, פונ די קאָלאָניעס דורכ מילכאָמע־אקציעס.

יאפאָניע האָט גענומענ בארעכטיקנ אירע אגרעסיווע אקציעס דערמיט, וואָס באמ שליסנ דעמ אָפמאכ פונ די 9 מעלוכעס האָט מענ זי באוולט אונ ניט געלאָזט פארברייטערנ איר טעריטאָריע אפנ כעזשבנ פונ כינע, ביימ ענגלאנד אונ פראנקרײַכ באזיצנ קאָלאָסאלע קאָלאָניעס. איטאליע האָט זיכ דערמאָנט, אז מע האָט זי באוולט באמ טיילנ דעמ רויב נאָכ דער ערשטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אונ אז זי דארפ זיכ קאָמפענסירנ אפנ כעזשבנ פונ די ווירקונגס־ספערנ פונ ענגלאנד אינ פראנקרײַכ. דײַטשלאנד, וואָס האָט ערנסט געליטנ אינ רעזולטאט פונ דער ערשטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע אונ פונעמ ווערסאלער שאָלעמ, האָט זיכ פארייניקט צו יאפאָניע אונ איטאליע אונ געמונענ פאָדערנ, עס זאָל פארברייטערט ווערנ זײַנ טעריטאָריע אינ אייראָפע, עס זאָלנ אומגעקערט ווערנ די קאָלאָניעס, וואָס די זיגער האָבנ בא איר אָפגענומענ אינ דער ערשטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע.

אָט אזוי האָט זיך געענומען אויסבילדן דער בלאָק פון די דריי אגרעסיווע מעלוכעס.

אין טאָג־אָרדענונג האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן א נייער איבערפארטיילונג פון דער וועלט מיט דער הילף פון מילכאָמע.

2. די פארשארפונג פון דער צווישנפעלקערלעכער פאָליטישער לאגע, דער קראך פון דער נאָכמילכאָמעדיקער סיסטעם שאָלעמאָפּמאכן, דער אָנהייב פון א נייער אימפעריאליסטישער מילכאָמע

אָט איז א רעשימע פון די וויכטיקסטע געשעענישן פארן באריכט־פעריאָד, וואָס האָבן געבראכט צום אָנהייב פון דער נייער אימפעריאליסטישער מילכאָמע. אין 1935 יאָר איז איטאליע אָנגעפאלן אף אביסיניע און האָט זי פארכאפּט. זומער 1936 יאָר האָבן דייטשלאנד און איטאליע אָרגאניזירט א קריגס־אינטערווענציע אין שפאניע, דערביי האָט זיך דייטשלאנד פארפעסטיקט אפן צאָפן פון שפאניע און אין דער שפאנישער מאראָקאָ, און איטאליע — אפן דאָרעם פון שפאניע און אף די באלעארער אינדזלען. אין 1937 יאָר האָט יאפּאָניע, נאָכן פארכאפּן מאנטשוזשוריע, זיך אריינגעריסן אין צאָפן־ און צענטראל־כינע, פארנומען פעקין, טיאנצזין, שאנכיי און גענומען ארויסשטויסן פון דער אָקופּאציע־זאָנע אירע אויסלענדישע קאָנקורענטן. אין אָנהייב 1938 יאָר האָט דייטשלאנד פארכאפּט עסטרייך, און אין הארבסט 1938 יאָר — די סודעטן־געגנט פון טשעכאָסלאָוואקיע. סאָף 1938 יאָר האָט יאפּאָניע פארכאפּט קאנטאָן, און אין אָנהייב 1939 י. — דעם אינדזל כיינאן.

אזויארום, האָט די מילכאָמע, וועלכע האָט אזוי אומבאמערקטערהייט זיך אונטערגעגאנוועט צו די פעלקער, אריינגעצויגן אין איר אָרביטע העכער פינף הונדערט מיליאָן באפעלקערונג, האָבנדיק פארשפרייט איר ווירקונגס־ספער אף א קאָלאָסאלער טעריטאָריע, פון טיאנצזין, שאנכיי און קאנטאָן דורך אביסיניע ביז גיבראלטאר.

נאָך דער ערשטער אימפעריאליסטישער מילכאָמע האָבן די מעלוכעס די זיגער, דעריקער ענגלאנד, פראנקרייך און די פשא, געשאפן א נייעם רעזשים פון באציִונגען צווישן לענדער, דעם נאָכמילכאָמעדיקן פרידנס־רעזשים. די הויפּט־יעסוידעס פון דעם דאָזיקן רעזשים זיינען געווען אפן וייטן מיזרעך — דער אָפּמאך פון די ניין מעלוכעס, און אין אייראָפּע — דער ווערסאלער און א גאנצע ריי אנדערע אָפּמאכן. די פעלקער־ליגע איז געווען בארופן צו רעגולירן די באציִונגען צווישן די לענדער אין די ראמען פון דעם דאָזיקן רעזשים אפן יעסאָד פון אן איינהייטלעכן פראָנט פון די מעלוכעס, אפן יעסאָד פון קאָלעקטיוון באשיצן די געפארלאָזיקייט פון די מעלוכעס. אָבער די דריי אגרעסיווע

מעלוכעס און די נײַע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע, וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן, האָבן איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ די גאַנצע סיסטעם פון דעם נאָכמילכאָמעדיקן פרידנס-רעזשים. יאַפּאָניע האָט צעריסן דעם אָפּמאַך פון די נײַן מעלוכעס, דײַטשלאַנד און איטאַליע — דעם ווערסאַלער אָפּמאַך. קעדיי צו באַפרײַען זיך די הענט, זײַנען די דאָזיקע אַלע דרײַ מעלוכעס אַרויס פון דער פעלקער-ליגע.

די נײַע אימפּעריאַליסטישע מילכאָמע איז געוואָרן אַ פאַקט.

אין אונדזער צײַט איז גאָר ניט אַזוי גרינג מיטאַמאָל אַראָפּרײַסן זיך פון דער קייט און אַ לאָז טאָן זיך גלײַך אין אַ מילכאָמע, ניט רעכענענדיק זיך מיט פאַרשיידענערליי אָפּמאַכן, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. די בורזשואַזע פּאָליטיקער איז דאָס גאַנץ גוט באַוווסט. דאָס איז אויך באַוווּסט די פאַשיסטישע רעדלפירער. דעריבער האָבן די פאַשיסטישע רעדלפירער, איידער זיך אַ לאָז טאָן אין אַ מילכאָמע, באַשלאָסן אָפּ אַ געוויסן אויפן באַאַרבעטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, ד.ה. פאַרבלענדן איר די אויגן, אָפּנאַרן זי.

אַ מילכאָמע-בלאָק פון דײַטשלאַנד און איטאַליע קעגן די אינטערעסן פון ענגלאַנד און פראַנקרײַך אין אייראָפּע? איך בעט אײַך, וואָס איז דאָס פאַר אַ בלאָק! „בא אונדז” איז ניטאָ קיין שום מילכאָמע-בלאָק. „בא אונדז” איז בעסאַכאַקל אַן אומשולדיקע „אַקס בערלין — רוים”, ד.ה. אַ געוויסע געאָמעטרישע פאָרמולע וועגן אַן אַקס. (ג ע ל ע כ ט ע ר.)

אַ מילכאָמע-בלאָק פון דײַטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאָניע קעגן די אינטערעסן פון די פשא, ענגלאַנד און פראַנקרײַך אָפן ווײַטן מיזרעך? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! „בא אונדז” איז ניטאָ קיין שום מילכאָמע-בלאָק. „בא אונדז” איז בעסאַכאַקל אַן אומשולדיקער „דרײַעק בערלין—רוים—טאָקיאָ”, ד.ה. אַ קליינינקער רייץ צו געאָמעטריע. (אַ ל ג ע מ יי נ ע ר ג ע ל ע כ ט ע ר.)

אַ מילכאָמע קעגן די אינטערעסן פון ענגלאַנד, פראַנקרײַך, פון די פשא? קלייניקײַטן! „מיר” פירן אַ מילכאָמע קעגן דעם קאָמינטערן, און ניט קעגן די דאָזיקע מעלוכעס. אויב איר גלייבט ניט, איז לייענט דעם „אַנטיקאָמינטערן-פּאַקט”, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן איטאַליע, דײַטשלאַנד און יאַפּאָניע.

אַזוי האָבן געמיינט צו באַאַרבעטן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג די הערן אַגרעסאָרן, האַגאַם עס איז ניט שווער געווען צו פאַרשטיין, אַז אָט די גאַנצע אומגעלומפּערטע שפּיל אין מאַסקירונג איז גענייט מיט ווײַסע פעדעם, ווײַל עס איז לעכערלעך צו זוכן די „נעסטן” פון קאָמינטערן אין די מידבאָריעס פון מאָנגאָליע, אין די בערג פון אַביסיניע, אין די וואַלד-געדיכטענישן פון דער שפּאַנישער מאַראָקאָ. (ג ע ל ע כ ט ע ר.)

אָבער די מילכאָמע איז אומדערבאַרעמדיק. מע קאָן זי ניט באַהאַלטן אונטער קיינע שלייערס. ווײַל מיט קיינע „אקסנ", „דרײַעקנ" און „אַנטיקאָמינטערנ-פּאַקטנ" איז ניט מעגלעך צו באַהאַלטנ דעם פּאַקט, אַז יאַפּאָניע האָט פאַר דער דאָזיקער צײַט פאַרכאַפּט אַ קאָלאָסאַלע טעריטאָריע פונ כינע, איטאַליע — אַביסיניע, דײַטשלאַנד — עסטרײַך און די סודעטנ-געגנט, דײַטשלאַנד און איטאַליע צוזאַמענ — שפּאַניע, — דאָס אַלץ טראָץ די אינטערעסנ פונ די ניט-אַגרעסיווע מעלוכעס. די מילכאָמע איז טאַקע פאַרבליבנ אַ מילכאָמע, דער מילכאָמע-בלאָק פונ די אַגרעסאָרנ — אַ מילכאָמע-בלאָק, און די אַגרעסאָרנ — אַגרעסאָרנ.

דער כאַראַקטער-שטריך פונ דער נײַער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע באַשטייט דערינ, וואָס זי איז נאָך ניט געוואָרנ קיינ אַלגעמיינע, קיינ וועלט-מילכאָמע. די מילכאָמע פירנ די מעלוכעס די אַגרעסאָרנ, ווי ווײַט מעגלעך פאַרקלעמענדיק די אינטערעסנ פונ די ניט-אַגרעסיווע מעלוכעס, פריִער פאַר אַלץ פונ ענגלאַנד, פראַנקרײַך, פונ די פּשאַ, און די לעצטע רוקנ זיך אָפּ צוריק און טרעטנ אָפּ, מאַכנדיק די אַגרעסאָרנ אַ האַנאָכע נאָך אַ האַנאָכע.

אָפּ אַזאַ אויפנ, קומט פאָר פאַר אונדזערע אויגנ אַנ אָפּענע איבערפאַרטיילונג פונ דער וועלט און פונ די ווירקונגס-ספערנ אָפּנ כעזשבנ פונ די אינטערעסנ פונ די ניט-אַגרעסיווע מעלוכעס אָנ קיינע שום פּרוּוונ פונ אַ ווידערשטאַנד און אַפילע באַ אַ געוויסער נאָכגיביקײַט מיצאַד די לעצטע.

אומגלייבלעך, אָבער אַ פאַקט.

מיט וואָס קאָנ מענ דערקלערנ אַזאַ איינזײַטיקנ און מאָדנעם כאַראַקטער פונ דער נײַער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע?

וויִאַזוי האָט געקאָנט פּאַסירנ, אַז די ניט-אַגרעסיווע לענדער, וועלכע באַזיצנ קאָלאָסאַלע מעגלעכקײַטנ, האָבנ אַזוי לײַכט און אָנ ווידערשטאַנד זיך אָפּגעזאָגט פונ זייערע פּאָזיציעס און פונ זייערע היסכײַוועסנ לעטויוועס די אַגרעסאָרנ?

צי דערקלערט זיך דאָס ניט מיט דער שוואַכקײַט פונ די ניט-אַגרעסיווע מעלוכעס? אַוואַדע, ניט! די ניט-אַגרעסיווע, די דעמאָקראַטישע מעלוכעס, צוזאַמענ גענומענ, זײַנענ אומבאַשטרײַטבאַר שטאַרקער פונ די פאַשיסטישע מעלוכעס סײַ אינ עקאָנאָמישער סײַ אינ מיליטערישער הינזיכט.

אויב אַזוי, מיט וואָס זשע קאָנ מענ דערקלערנ די סיסטעמאַטישע האַנאָכעס די אַגרעסאָרנ מיצאַד די דאָזיקע מעלוכעס?

דאָס וואָלט מענ געקאָנט, צום בײַשפּיל, דערקלערנ מיטנ געפיל פונ מוירע פאַר אַ רעוואָלוציע, וואָס קאָנ זיך צעשפּילנ, אויב די ניט-אַגרעסיווע מעלוכעס וועלנ אַרײַנטרעטנ אינ אַ מילכאָמע, און די מילכאָמע וועט אָננעמענ אַ וועלט-כאַראַקטער. די בורזשואַזע פּאָליטיקער ווייסנ, פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע אימפּעריאַליסטישע וועלט-מילכאָמע האָט

געגעבנ א ניצאָכנ דער רעוואָליוציע אינ איינעמ פונ די גרעסטע לענ־דער. זיי האָבנ מוירע, אז די צווייטע אימפּעריאַליסטישע וועלט־מילכאָ־מע קאָנ פירנ אויכ צו א ניצאָכנ פונ דער רעוואָליוציע אינ איינעמ אָדער אינ עטלעכע לענדער.

אָבער דאָס איז איצט ניט די איינציקע אונ אפילע ניט די הויפּט־סיבע. די הויפּט־סיבע באשטייט אינ דעמ, וואָס די מערהײַט ניט אגרע־סיווע לענדער אונ, פריִער פאר אלצ, ענגלאנד אונ פראנקרײַכ זאָגנ זיכ אָפּ פונ דער פּאָליטיק פונ קאָלעקטיווער געפערלאָזיקײַט, פונ דער פּאָ־ליטיק פונ קאָלעקטיווער ווידערשטאנד די אגרעסאָרנ, אינ זייער איבער־גאנג אפּ דער פּאָזיציע פונ ניט־ארײַנמישנ זיכ, אפּ דער פּאָזיציע פונ „נייטראליטעט".

פאָרמעל וואָלט מענ די פּאָליטיק פונ ניט־ארײַנמישונג געקאָנט כא־ראקטעריזירנ אפּ אזא אויפנ: „זאָל יעדעס לאנד זיכ פארטיידיקנ פונ די אגרעסאָרנ, ווי עס וויל אונ ווי עס קאָנ, מיר שטייענ אָנ א זײַט, מיר וועלנ האנדלענ אי מיט די אגרעסאָרנ אי מיט די קאָרבאָנעס זייערע". אינ דער פּראקטיק, אָבער, באטײַט די פּאָליטיק פונ ניט־ארײַנמישונג א נאָכגעבנ דער אגרעסיע, א פאנאנדערבינדונג פונ דער מילכאָמע,—דאָס הייסט, פארוואנדלענ זי אינ א וועלט־מילכאָמע. די פּאָליטיק פונ ניט־ארײַנמישונג איז דורכגעדרונגענ מיט דער שטרעבונג, מיטנ ווונטש—ניט שטערנ די אגרעסאָרנ צו טאָנ זייער פינצטערע זאכ, ניט שטערנ, לאָמיר זאָגנ, יאפּאָניע אײַנצופּלאָנטערנ זיכ אינ א מילכאָמע מיט כינע, אונ נאָכ בעסער מיטנ ראטנפארבאנד, ניט שטערנ, לאָמיר זאָגנ, דײַטש־לאנד אײַנזינקענ אינ די אייראָפּייִשע איניאָנימ, אײַנפּלאָנטערנ זיכ אינ א מילכאָמע מיטנ ראטנפארבאנד, לאָזנ אלע אָנטיילנעמער פונ דער מיל־כאָמע טיפ אײַנזינקענ אינעמ מילכאָמע־זומפּ, שטילערהייט סטימולירנ זיי דערינ, לאָזנ זיי אָפּשוואכנ אונ אויסצערנ איינס דאָס אנדערע, אונ דערנאָכ, ווענ זיי וועלנ גענוג אָפּגעשוואכט ווערנ, — ארויסטרעטנ אפּ דער סצענע מיט פרישע קויכעס, ארויסטרעטנ, פארשטייט זיכ, „אינ די אינטערעסנ פונ שאָלעמ", אונ דורכדיקטירנ די אָפּגעשוואכטע אָנטייל־נעמער פונ דער מילכאָמע זייערע אייגענע באדינגונגענ.

וואָלוול אונ לײַטיש!

לאָמיר נעמענ, צומ בײַשפּיל, יאפּאָניע. ס'איז כאראקטעריסטיש, אז איידער יאפּאָניע האָט זיכ ארײַנגעריסנ אינ צאָפנ־כינע האָבנ אלע אײַנפלוסרײַכע פראנצויזישע אונ ענגלישע צײַטונגענ געשריִענ אפּ א קאָל וועגנ דער שוואכקײַט פונ כינע, וועגנ איר אומפייִקײַט זיכ ווי־דערצושטעלנ, וועגנ דעמ, אז יאפּאָניע מיט איר ארמיי וואָלט געקאָנט פאר צוויי—דרײַ כאָדאָשימ אײַנעמענ כינע. נאָכדעמ האָבנ די איירא־פּייִש־אמעריקאנישע פּאָליטיקער גענומענ אויסווארטנ אונ באאָבאכטנ. אונ דערנאָכ, ווענ יאפּאָניע האָט פאנאנדערגעוויקלט קריגס־אקציעס, האָט מענ איר אָפּגעטראָטנ שאנכײַ, דאָס הארצ פונעמ אויסלענדישנ

קאַפּיטאַל אין כינע, אָפּגעטראָטן קאַנטאָן, די נעסט פֿון דער מאָנאָפּאָלישער ענגלישער ווירקונג אין דאָרעם־כינע, אָפּגעטראָטן כינאַן, געלאָזט ארומרינגלען האָנקאָנג. ניט עמעס עפּשער, דאָס אַלץ איז זייער ענלעך צו סטימולירן דעם אגרעסאָר: דו, הייסט עס, קריך וואָס טיפֿער אין דער מילכאָמע אַרײַן, און דאָרט וועלן מיר זען.

אָדער, צום בײַשפּיל, לאָמיר נעמען דײַטשלאַנד. מע האָט אים אָפּגעטראָטן עסטרײַך, ניט געקוקט אַף דער אָנוועזנהײַט פֿון א פֿאַרפּליכטונג צו באַשיצן זײַן זעלבשטענדיקײַט, אָפּגעטראָטן די סודעטן־געגנט, איבערגעלאָזט אַף הפֿקר טשעכאָסלאָוואַקיע, ברעכנדיק אַלע און אַלערליי פֿאַרפּליכטונגען, און דערנאָך האָט מען גענומען שרײַעוודיק לײַגן אין דער פּרעסע וועגן דער „שוואַכקײַט פֿון דער רוסישער אַרמיי", וועגן דער „צעלייגונג פֿון דער רוסישער אַוויאַציע", וועגן „אומרוען" אין ראַטנפֿאַרבאַנד, שטויסנדיק די דײַטשן ווײַטער צו מיזרעך, צוזאָגנדיק זיי א לײַכטע רויב און אײַנטײַנענדיק: איר הייבט נאָר אָן א מילכאָמע מיט די באָלשעוויקעס, און ווײַטער וועט אַלץ גיין גוט. מע דאַרף אָנערקענען, אַז דאָס איז אויך זייער ענלעך צו אונטערשטופּן, צו סטימולירן דעם אגרעסאָר.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש דער טומל, וואָס די ענגליש־פֿראַנצויזישע און צאָפֿן־אַמעריקאַנישע פּרעסע האָט אויפֿגעהויבן מיקויעך ראַטן־אוקראַיִנע. די טוער פֿון דער דאָזיקער פּרעסע האָבן ביז הייזעריקײַט געשריִען, אַז די דײַטשן גייען אַף ראַטן־אוקראַיִנע, אַז זיי האָבן איצט אין די הענט די אַזוי־גערופֿענע קאַרפּאַטן־אוקראַיִנע, וואָס ציילט בא 700 טויזנט באַפֿעלקערונג, אַז די דײַטשן וועלן ניט שפּעטער, ווי פֿרילינג דאָס יאָר פֿאַרייניקן ראַטן־אוקראַיִנע, וואָס פֿאַרמאָגט העכער 30 מיליאָן באַפֿעלקערונג, צו דער אַזוי־גערופֿענער קאַרפּאַטן־אוקראַיִנע. עס איז ענלעך דערצו, אַז אָט דער פֿאַרדעכטיקער טומל האָט געהאַט זײַן ציל אויפֿצוהייבן דעם צאָרן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד קעגן דײַטשלאַנד, פֿאַרסאַמען די אַטמאָספֿער און פּראָוואָצירן א קאָנפֿליקט מיט דײַטשלאַנד אָן א קענטיקן גרונט דערצו.

פֿאַרשטייט זיך, ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין דײַטשלאַנד זײַנען פֿאַראַן מעשוגאָיִם, וואָס טרוימען צו פֿאַרייניקן א העלפֿאַנד, ד.ה. ראַטן־אוקראַיִנע, צו א שנעקל, ד.ה. צו דער אַזוי־גערופֿענער קאַרפּאַטן־אוקראַיִנע. און אויב דאָרט זײַנען ווירקלעך פֿאַראַן אַזוינע דולע, קאָן מען ניט צווייפֿלען, אַז אין אונדזער לאַנד וועט זיך געפֿינען די נייטיקע צאָל מעשוגאָיִם־העמדער פֿאַר אַזוינע מעשוגאָיִם. (א ו י ס ב ר ו ך פֿ ו ן א פּ ל א ָ ד י ס מ ע נ ט ן.) נאָר אויב מע זאָל אָפּוואַרפֿן אָן א זײַט די מעשוגאָיִם און זיך ווענדן צו נאָרמאַלע מענטשן, איז דען ניט קלאָר, אַז ס'איז לעכערלעך און נאַריש צו ריידן ערנסט וועגן פֿאַרייניקן ראַטן־אוקראַיִנע צו דער אַזוי־גערופֿענער קאַרפּאַטן־אוקראַיִנע? גיט נאָר א טראַכט. עס איז געקומען א שנעקל צו א העלפֿאַנד און זאָגט צו אים

גאַדלעסדיק: „עך דו, ברודערל דו מײַנס, ס'איז מיר אזא ראַכמאָנעס אָפּ דיר... דו לעבסט זיך אָן פריצים, אָן קאַפּיטאַליסטן, אָן נאַציאָנאַלן דרוק, אָן פּאַשיסטישע רעדלפירער,—וואָס איז עס פאַר א לעבן... איך קוק אָפּ דיר און קאָן ניט ניט באַמערקן,—ניטאָ פאַר דיר קיין רעטונג, סײַדן נאָר פאַרייניקן זיך צו מיר... (א ל ג ע מ י י נ ע ר ג ע ל ע כ ט ע ר.) נו, מײַלע, זאָל זײַן אַזוי, איך דערלויב דיר פאַרייניקן דײַן קליינע טעריטאָריע צו מײַן אומגעהייערער טעריטאָריע...” (א ל ג ע מ י י נ ע ר ג ע ל ע כ ט ע ר א ו נ א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן.)

נאָך מער כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס אייניקע פּאָליטיקער און פּרעסע-טוער פון אייראָפּע און פון די פּשא, פאַרלירנדיק דאָס געדולד צו דערוואַרטן זיך דעם „מאַרש אָפּ סאָוועטן-אוקראַינע”, הייבן אַליין אָן צו דעמאַסקירן דעם ווירקלעכן מײַן פון דער ניט-ארײַנמישונגס-פּאָליטיק. זיי זאָגן אָפן און שרײַבן שוואַרץ אָפּ ווײַס, אַז די דײַטשן האָבן זיי ביטער „אַנטוישט”, ווײַל, אָנשטאָט א לאָז צו טאָן זיך ווײַטער צו מיזרעך, קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, האָבן זיי זיך גאָר, זעט איר, א קער געטאָן צו מײַרעוו און פאָדערן פאַר זיך קאָלאָניעס. מע קאָן מיינען, אַז מע האָט די דײַטשן אָפּגעגעבן די ראַיאָנען פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אַלס פרײַז פאַר דער היסכײַװעס אָנצוהייבן א מילכאָמע קעגן ראַטנפאַרבאַנד, און די דײַטשן זאָגן זיך אַצינד אָפּ צו צאָלן לויטן וועקסל, שיקנדיק זיי ערגעץ-ווו ווײַטער.

איך בין ווײַט פון מאָראַליזירן מיקויעך דער ניט-ארײַנמישונגס-פּאָליטיק, ריידן וועגן פעלשונג, וועגן פאַראַט אדג. ס'איז נאַיִוו צו לייענען מאָראַל מענטשן, וואָס אָנערקענען ניט קיין מענטשלעכע מאָראַל. פּאָליטיק איז פּאָליטיק, ווי עס זאָגן אַלטע, דורכגעטריבענע בורזשואַזע דיפּלאָמאַטן. מע מוז, אָבער דאָך, באַמערקן, אַז די גרויסע און געפערלעכע פּאָליטישע שפּיל, וואָס די אָנהענגער פון דער ניט-ארײַנמישונגס-פּאָליטיק האָבן אָנגעהויבן, קאָן זיך ענדיקן פאַר זיי מיט אַן ערנסטן דורכפאַל.

אזא איז דאָס ווירקלעכע פּאָנעם פון דער איצט הערשנדיקער ניט-ארײַנמישונגס-פּאָליטיק.

אזא איז די פּאָליטישע סיטואַציע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

3. דער ראַטנפאַרבאַנד און די קאַפּיטאַליסטישע לענדער

די מילכאָמע האָט געשאַפן א נײַע סיטואַציע אין די באַציִונגען צווישן די לענדער. זי האָט ארײַנגעבראַכט אין די דאָזיקע באַציִונגען אַן אַטמאָספער פון אומרו און ניט-זיכערקײַט. אונטערגעריסן די יעסויעס פון דעם נאָכמילכאָמעדיקן פרידנס-רעזשים און אומגעוואַלגערט

די עלעמענטארע באגריפנ פונ צווישנפעלקערלעכנ רעכט, האָט די מילכאָמע אוועקגעשטעלט אונטער א פראגע-צייכנ דעמ ווערט פונ די צווישנפעלקערלעכע אָפּמאכנ אונ היסכײַוועסנ. דער פאציפיזמ אונ די אנטוואָפענונגס-פראָיעקטנ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר באגראָבענע אינ קייווער. זייער אָרט האָט פארנומענ דער באוואָפענונגס-פיבער. באוואָפענענ זיכ האָבנ גענומענ אלע, פונ די קליינע ביז די גרויסע מעלוכעס, דערונטער אונ פריִער פאר אלצ די מעלוכעס, וואָס פירנ א ניט-ארײַנמישונגס-פאָליטיק. קיינער גלייבט שוינ ניט אינ די צוויִעסדיקע רייד וועגנ דעמ, אז די מינכענער האנאָכעס די אגרעסאָרנ אונ די מינכענער פארשטענדיקונג האָבנ, קלוימערשט, געמאכט אנ אָנהייב פונ א נײַער „פאסיפיצירונגס"-ערע. עס גלייבנ ניט אינ זיי אויכ אליינ די אָנטיילנעמער פונ דער מינכענער פארשטענדיקונג, ענגלאנד אונ פראנקרײַכ, וועלכע האָבנ ניט וויינקער פונ אנדערע גענומענ פארשטארקנ זייער באוואָפענונג.

פארשטענדלעכ, אז פססר האָט ניט געקאָנט דורכגיינ פארבײַ אָט די גרויזאמע געשעענישנ. אָנ צווייפל, אז יעטווידע אפילע ניט-גרויסע מילכאָמע, וואָס די אגרעסאָרנ הייבנ אָנ ערגעצ-ווו אינ א ווײַטנ ווינקל פונ דער וועלט, שטעלט פאָר א געפאר פאר די פרידנסליבנדיקע לענדער. אונ אוודע שטעלט פאָר אנ ערנסטע געפאר די נײַע אימפעריאליסטישע מילכאָמע, וואָס האָט שוינ באוויזנ ארײַנצוציִענ אינ איר אָרביטע העכער פינפ הונדערט מיליאָנ באפעלקערונג פונ אזיע, אפריקע, אייראָפּע. דעריבער האָט אונדזער לאנד, דורכפירנדיק אומאָפנייגבאר א פאָליטיק פונ אײַנהיטנ דעמ שאָלעמ, פאנאנדערגעוויקלט צוזאמענ דערמיט א העכסט-ערנסטע ארבעט צו פארשטארקנ די שלאכט-גרייטקײַט פונ אונדזער רויטער ארמיי, פונ אונדזער רויטנ יאמישנ קריגס-פלאָט.

צוזאמענ דערמיט האָט דער ראטנפארבאנד אינ די אינטערעסנ פונ פארשטארקנ זײַנע צווישנפעלקערלעכע פאָזיציעס באשלאָסנ פאָרצונעמענ אויכ אייניקע אנדערע שריט. סאָפ יאָר 1934 איז אונדזער לאנד ארײַנגעטראָטנ אינ דער פעלקער-ליגע, ארויסגייענדיק דערפונ, וואָס, ניט געקוקט אפ דער שוואכקײַט אירער, קאָנ זי דאָכ צונוצקומענ, אלס אָרט פונ דעמאסקירנ די אגרעסאָרנ אונ אלס געוויסער, האגאמ אפילע שוואכער, שאָלעמ-אינסטרומענט, וואָס קאָנ טאָרמאָזירנ די פאנאנדערבינדונג פונ א מילכאָמע. דער ראטנפארבאנד האלט, אז אינ אזא אומרוִיקער צײַט טאָר מענ ניט אוועקמאכנ מיט דער האנט אפילע אזא שוואכע צווישנפעלקערלעכע אָרגאניזאציע, ווי די פעלקער-ליגע. אינ מײַ 1935 יאָר איז געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפּמאכ צווישנ פראנקרײַכ אונ דעמ ראטנפארבאנד וועגנ קעגנזײַטיקער הילפ קעגנ א מעגלעכנ אָנפאל מיצאד די אגרעסאָרנ. גלײַכצײַטיק דערמיט איז געשלאָסנ געוואָרנ אנ אנאלאָגישער אָפּמאכ מיט טשעכאָסלאָוואקיע. אינ מארט

1936 יאָר האָט דער ראטנפארבאנד געשלאָסנ אנ אָפמאכ מיט דער מאָנגאָלישער פאָלקס-רעפובליק וועגנ קעגנזייטיקער הילפ. אינ אווגוסט 1937 יאָר איז געשלאָסנ געוואָרנ אנ אָפמאכ וועגנ קעגנזייטיקנ ניט-אָנפאלנ צווישנ דעמ ראטנפארבאנד אונ דער כינעזישער רעפובליק.

אינ אָט די שווערע צווישנפעלקערלעכע באדינגונגענ האָט דער ראטנפארבאנד דורכגעפירט זיינ אויסערנ-פאָליטיק, קעמפנדיק פאר דער זאכ פונ אייניהיטנ דעמ שאָלעמ.

די אויסערנ-פאָליטיק פונעמ ראטנפארבאנד איז קלאָר אונ פאר-שטענדלעכ:

1. מיר שטייענ פאר שאָלעמ אונ פאר פארשטארקנ די געשעפטלע-כע פארבינדונגענ מיט אלע לענדער, מיר שטייענ אונ וועלנ שטיינ אפ דער דאָזיקער פאָזיציע, אפ וויפל די דאָזיקע לענדער וועלנ זיכ האלטנ בא פונקט אזוינע באציונגענ מיטנ ראטנפארבאנד, אפ וויפל זיי וועלנ ניט פרווונ ברעכנ די אינטערעסנ פונ אונדזער לאנד.

2. מיר שטייענ פאר פרידלעכע, נאָענטע אונ גוט-שכייניש באציונ-גענ מיט אלע שכייניש לענדער, וועלכע האָבנ מיט פססר א געמיינ-זאמע גרענעצ, מיר שטייענ אונ וועלנ שטיינ אפ דער דאָזיקער פאָזי-ציע, אפ וויפל די דאָזיקע לענדער וועלנ זיכ האלטנ בא פונקט אזוינע באציונגענ מיטנ ראטנפארבאנד, אפ וויפל זיי וועלנ ניט פרווונ ברעכנ, דירעקט אָדער אומדירעקט, די אינטערעסנ פונ דער גאנצקייט אונ אומ-בארירלעכקייט פונ די גרענעצנ פונ דער סאָוועטישער מעלוכע.

3. מיר שטייענ פאר אונטערשטיצנ די פעלקער, וואָס זיינענ גע-וואָרנ קאָרבאָנעס פונ אגרעסיע אונ וואָס קעמפנ פאר דער אומאָפהענ-גיקייט פונ זייער היימלאנד.

4. מיר האָבנ קיינ מוירע ניט פאר דראָונגענ מיצאד די אגרעסאָרנ אונ זיינענ גרייט אָפצוענטפערנ מיט א טאָפלטנ קלאפ אפנ קלאפ פונ די מילכאָמע-אונטערציינדער, וואָס פרווונ ברעכנ די אומבארירלעכקייט פונ די סאָוועטישע גרענעצנ.

אזא איז די אויסערנ-פאָליטיק פונעמ ראטנפארבאנד. (שטורמישע לאנגדויערנדיקע אפלאָדיסמענטנ.)

אינ זיינ אויסערנ-פאָליטיק שטיצט זיכ דער ראטנפארבאנד:

1. אפ זיינ וואקסנדיקער ווירטשאפטלעכער, פאָליטישער אונ קולטו-רעלער מעכטיקייט;

2. אפ דער מאָראליש-פאָליטישער איינהייט פונ אונדזער סאָוועטי-שער געזעלשאפט;

3. אפ דער פריינטשאפט פונ די פעלקער פונ אונדזער לאנד;

4. אפ זיינ רויטער ארמיי אונ דעמ קריגס-יאמישנ רויטנ פלאָט;

5. אפֿ זײַן שאָלעמ־פּאָליטיק;

6. אפֿ דער מאָראַלישער אונטערשטיצונג פֿונ די אַרבעטנדיקע פֿונ אַלע לענדער, וואָס זײַנען בלוטיק פֿאַרינטערעסירט אינ אײַנהיטנ דעמ שאָלעמ;

7. אפֿנ ווילפֿאַרשטאַנד פֿונ יענע לענדער, וואָס זײַנען ניט פֿאַרינטערעסירט איבער די אָדער אַנדערע סיבעס אינ ברעכנ דעמ שאָלעמ.

* * *

די אופֿגאַבנ פֿונ דער פּאַרטיי אינ געביט פֿונ דער אױסערנ־פּאָליטיק:

1. דורכפֿירנ אויכ ווײַטער די פּאָליטיק פֿונ שאָלעמ אונ פֿונ פֿאַרפֿעסטיקנ די געשעפֿטלעכע פֿאַרבינדונגענ מיט אַלע לענדער;

2. זײַנ פֿאָרזיכטיק אונ ניט לאָזנ די מילכאָמע־פּראָוואָקאַטאָרנ, וואָס זײַנענ געוווינט געוואָרנ צו שאַרנ הייסע קוילנ מיט פֿרעמדע הענט, אַרײַנציִענ אינ קאָנפֿליקטנ אונדזער לאַנד;

3. אַלמעגלעכ פֿאַרפֿעסטיקנ די שלאַכט־מעכטיקײַט פֿונ אונדזער רויטער אַרמיי אונ פֿונ אונדזער קריגס־יאַמישנ רויטנ פֿלאָט;

4. פֿעסטיקנ די אינטערנאַציִאָנאַלע פֿרײַנטשאַפֿט־פֿאַרבינדונגענ מיט די אַרבעטנדיקע פֿונ אַלע לענדער, וועלכע זײַנענ פֿאַרינטערעסירט אינ שאָלעמ אונ פֿרײַנטשאַפֿט צווישנ די פֿעלקער.

II

די אינערלעכע לאַגע פֿונעמ ראַטנפֿאַרבאַנד

לאָמיר אַריבערגיינ צו דער אינערלעכער לאַגע פֿונ אונדזער לאַנד.

פֿונעמ שטאַנדפּונקט פֿונ דער אינערלעכער לאַגע פֿונעמ ראַטנפֿאַרבאַנד שטעלט דער באַריכט־פּעריִאָד פֿאָר אַ בילד פֿונ ווײַטערדיקנ אופֿשטײַג פֿונ דער גאַנצער פֿאָלקסווירטשאַפֿט, פֿונ וווּקס פֿונ דער קולטור, פֿונ פֿאַרפֿעסטיקונג פֿונ דער פּאָליטישער מעכטיקײַט פֿונעמ לאַנד.

אַלס אַ מערסט וויכטיקנ רעזולטאַט אינ געביט פֿונ אַנטוויקלענ די פֿאָלקסווירטשאַפֿט פֿאַרנ באַריכט־פּעריִאָד דאַרפֿ מענ אָנערקענענ דאָס פֿאַרענדיקנ די רעקאָנסטרוקציע פֿונ דער אינדוסטריע אונ פֿונ דער ערד־אַרבעט אפֿנ יעסאָד פֿונ דער נײַער, מאָדערנער טעכניק. בא אונדז איז שוינ מער ניטאָ, אָדער קימאַט מער ניטאָ קיינ אַלטע זאַוואָדנ מיט זייער אָפּגעשטאַנענער טעכניק אונ קיינ אַלטע פּויערישע ווירטשאַפֿטנ מיט זייער פֿאַרצײַטיקער אויסשטאַטונג. דעמ יעסאָד פֿונ אונדזער אינדוסטריע אונ ערדאַרבעט בילדעט איצט די נײַע, די מאָדערנע טעכניק.

מע קאָנ זאָגנ אָנ א גוזמע, אז פונעמ שטאַנדפונקט פונ דער טעכניק פונ דער פראָדוקציע, פונעמ שטאַנדפונקט פונ דער אָנגעזעטיקטקײַט פונ דער אינדוסטריע אונ דער ערדארבעט מיט נײַער טעכניק, איז אונדזער לאַנד דאָס אמערסטנ פאָרגעשריטענע אינ פאַרגלײַכ מיט יעט־ווידער אנדער לאַנד, ווו די אלטע אויסשטאַטונג הענגט בא דער פראָ־דוקציע אפ די פיס אונ טאָרמאָזירט די זאַכ פונ אײַנגלידערנ די נײַע טעכניק.

אינ געביט פונ דער געזעלשאַפטלעכ־פּאָליטישער אנטוויקלונג פונעמ לאַנד דאַרפ מענ אלס די אמערסטנ וויכטיקע דעראָבערונג פארנ באַ־ריכט־פעריאָד אָנערקענענ די ענדגילטיקע ליקווידירונג פונ די רעשט־לעכ פונ די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסנ, די באַהעפטונג פונ די ארבע־טער, פויערימ אונ אינטעליגענצ אינ איינ אלגעמיינעמ ארבעטס־פראָנט, די פאַרפעסטיקונג פונ דער מאָראַליש־פּאָליטישער איינהײַט פונ דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, די פאַרפעסטיקונג פונ דער פרײַנטשאַפט פונ די פעלקער פונ אונדזער לאַנד אונ, אלס רעזולטאַט פונ דעמ אלעמ,—די פולשטענדיקע דעמאָקראַטיזירונג פונעמ פּאָליטישנ לעבנ פו־נעמ לאַנד, די שאַפונג פונ דער נײַער קאָנסטיטוציע. קיינער וועט זיכ ניט דערוועגנ צו באַשטרײַטנ, אז אונדזער קאָנסטיטוציע איז די אמערסטנ דעמאָקראַטישע אינ דער וועלט, אונ אז די רעזולטאַטנ פונ די וואַלנ אינ אויבער־ראַט פונ פססר, פונקט ווי אויכ אינ די אויבער־ראַטנ פונ די פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ — זײַנענ די אמערסטנ באַווײַז־לעכע.

אינ סאַכאַקל פונ דעמ אלעמ האָבנ מיר א פולשטענדיקע שטאַנד־האַפטיקײַט פונ דער אינערלעכער לאַגע אונ אזא פעסטקײַט פונ דער מאַכט אינ לאַנד, וועלכער עס וואָלט געקאָנט מעקאַנע זײַנ יעטווידע רעגירונג אינ דער וועלט.

לאָמיר באַטראַכטנ די קאָנקרעטע אָנגאַבנ וועגנ דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער לאַגע פונ אונדזער לאַנד.

1. דער וויַיטערדיקער אופשטײַג פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאַנדווירטשאַפט

א) די אינדוסטריע. די באַוועגונג פונ אונדזער אינדוסטריע אינ פאַרלויפ פונעמ באַריכט־פעריאָד שטעלט פאָר א בילד פונ קעסיי־ערדיקנ אופשטײַג. דער דאָזיקער אופשטײַג שפּיגלט אָפּ ניט בלויז דעמ וווּקס פונ דער פראָדוקציע ביכלאַל, נאָר, פריִער פאַר אלצ, — דעמ אופבלי פונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע, פונ איינ זײַט, דעמ אומקומ פונ דער פּריוואַטער אינדוסטריע, פונ דער צווייטער זײַט.

אָט איז די אנטשפּרעכיקע טאַבעלע:

דער וווּקס פון דער אינדוסטריע פון פּססר פאר די יאָרן 1934—1938

	1933 י'	1934 י'	1935 י'	1936 י'	1937 י'	1938 י'	אין %% צום פאַריקן יאָר 1934 י'	1935 י'	1936 י'	1937 י'	1938 י'	1938 י' אין % % צום 1933 י'
	אין מלנ. רוב. אין די פּרײַזן פון 1926/27 י'											
די גאנצע פּראָדוקציע . .	42030	50477	62137	80929	90166	100375	120,1	123,1	130,2	111,4	111,3	238,8
דערונטער:												
1. די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע . . .	42002	50443	62114	80898	90138	100349	120,1	123,1	130,2	111,4	111,3	238,9
2. די פּריוואטע אינדוסטריע .	28	34	23	31	28	26	121,4	67,6	134,8	90,3	92,9	92,9
	אין פּראָצענטן											
די גאנצע פּראָדוקציע . .	100	100	100	100	100	100						
דערונטער:												
1. די סאָציאַליסטישע אינדוסטריע . . .	99,93	99,93	99,96	99,96	99,97	99,97						
2. די פּריוואטע אינדוסטריע .	0,07	0,07	0,04	0,04	0,03	0,03						

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, אז אונדזער אינדוסטריע איז אין פארלויף פונעם באריכט-פּעריאָד אויסגעוואקסן מער, ווי אין צוויי מאָל, דערבײַ איז דער גאנצער וווּקס פון דער פּראָדוקציע געגאַנגען אפן חשבון פון דער סאָציאַליסטישער פּראָדוקציע.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, ווײַטער, אז די סאָציאַליסטישע סיסטעם איז די איינציקע סיסטעם פון דער אינדוסטריע פון פּססר.

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, ענדלעך, אז דער ענדגילטיקער אומקום פון דער פּריוואטער אינדוסטריע איז א פאקט, וועלכן עס קאָנען איצט ניט אָפּלייקענען אפילו בלינדע.

דעם אומקום פון דער פּריוואטער אינדוסטריע קאָן מען ניט האלטן פאר קיין צופעליקייט. זי איז אומגעקומען, פריִער פאר אלץ, דערפאר, ווײַל די סאָציאַליסטישע ווירטשאפט-סיסטעם איז א העכערע סיסטעם אין פארגלײַך מיט דער סיסטעם דער קאפּיטאליסטישער. זי איז אומגעקומען, צווייטנס, דערפאר, ווײַל די סאָציאַליסטישע ווירט-

שאַפט-סיסטעמ האָט אונדז געגעבנ די מעגלעכקײט אינ עטלעכע יאָר צײט אַפּסנײַ אויסשטאַטנ אונדזער גאַנצע סאָציאַליסטישע אינדוסטריע אפ א נײַער, מאָדערנער טעכנישער באַזע. אַזא מעגלעכקײט גיט ניט אונ קאָנ ניט געבנ די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט-סיסטעמ. ס'איז א פאַקט, אַז פונעמ שטאַנדפּונקט פונ דער טעכניק פונ דער פּראָדוקציע, פונעמ שטאַנדפּונקט פונעמ פאַרנעמ פונ דער אָנגעזעטיקטקײט פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע מיט דער נײַער טעכניק, שטײט אונדזער אינדוסטריע אפנ ערשטנ אָרט אינ דער וועלט.

אויב מע זאָל נעמענ די וווּקס-טעמפּנ פונ אונדזער אינדוסטריע אינ פּראָצענטנ צומ פאַרמילכאָמעדיקנ ניוואָ אונ פאַרגלײַכנ זײ מיט די וווּקס-טעמפּנ פונ דער אינדוסטריע פונ די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועט זיכ באַקומענ פאָלגנדיק בילד:

דער וווּקס פונ דער אינדוסטריע פונ פססר אונ פונ די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אינ די יאָרנ 1913 — 1938

	1913 י	1933 י.	1934 י.	1935 י.	1936 י.	1937 י.	1938 י.
פססר	100,0	380,5	457,0	562,6	732,7	816,4	908,8
פשא	100,0	108,7	112,9	128,6	149,8	156,9	120,0
ענגלאַנד	100,0	87,0	97,1	104,0	114,2	121,9	113,3
דײַטשלאַנד	100,0	75,4	90,4	105,9	118,1	129,3	131,6
פראַנקרײַכ	100,0	107,0	99,0	94,0	98,0	101,0	93,2

פונ דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זענ, אַז אונדזער אינדוסטריע איז אויסגעוואַקסנ אינ פאַרגלײַכ מיטנ פאַרמילכאָמעדיקנ ניוואָ מער, ווי אינ נײַנ מאָל, בײַמ די אינדוסטריע פונ די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער האַלט אינ אײנ טאָפּטשענ זיכ אַרומ דעמ פאַרמילכאָמעדיקנ ניוואָ, אַריבערשטײַגנדיק אימ סאַכאַקל בלויז אפ 20—30 פּראָצענט.

דאָס באַטײַט, אַז לויט די וווּקס-טעמפּנ שטײט אונדזער סאָציאַליסטישע אינדוסטריע אפנ ערשטנ אָרט אינ דער וועלט.

עס באַקומט זיכ, אַזוי אַרומ, אַז לויט דער טעכניק פונ דער פּראָדוקציע אונ לויט די טעמפּנ פונעמ וווּקס פונ אונדזער אינדוסטריע האָבנ מיר שוינ דעריאָגט אונ אַריבערגעיאָגט די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אינ וואָס אָבער שטײענ מיר אָפּ? מיר שטײענ נאָכ אַלץ אָפּ אינ עקאָנאָמישער הינזיכט, דה. אינ דער הינזיכט פונ דער גרײס פונ אונדזער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אפ א נעפעש פונ באַפעלקערונג. מיר האָבנ פּראָדוצירט אינ 1938 י. בא 15 מיליאָנ טאָנ טשוהונ, אונ ענגלאַנד—7 מיליאָנ טאָנ. וואָלט זיכ געקאָנט דוכטנ, אַז עס האַלט בא אונדז בעסער,

אײדער אינ ענגלאַנד. אויב מע זאָל אָבער פאַנאַנדערלײגנ די דאָזיקע טאָנעמ טשוהונ אַפ דער צאָל באַפעלקערונג, באַקומט זיכ, אַז אינ ענג־לאַנד איז אַפ יעדנ נעפעש פונ דער באַפעלקערונג אינ 1938 יאָר אויס־געפאַלנ 145 קילאָגראַמ טשוהונ, און אינ פּססר — סאַכאַקל 87 קי־לאָגראַמ. אָדער נאָכ: ענגלאַנד האָט פּראָדוצירט אינ 1938 י. 10 מיליאָנ מיט 800 טויזנט טאָנ שטאָל און באַ 29 מיליאַרד קילאָוואַט־שאָ (די פּראָדוקציע פונ עלעקטראָענערגיע), און פּססר האָט פּראָדוצירט 18 מיליאָנ טאָנ שטאָל און העכער 39 מיליאַרד קילאָוואַט־שאָ. קאָנ זיכ אויסדוכטנ, אַז עס האַלט באַ אונדז בעסער, אײדער אינ ענגלאַנד. אויב מע זאָל אָבער פאַנאַנדערלײגנ די דאָזיקע אַלע טאָנעמ און קילאָוואַט־שאָענ אַפ דער צאָל באַפעלקערונג, באַקומט זיכ, אַז אינ ענגלאַנד איז אינ 1938 יאָר אויסגעפאַלנ אַפ יעדנ נעפעש פונ דער באַפעלקערונג 226 קילאָגראַמ שטאָל און 620 קילאָוואַט־שאָ, בײמ אינ פּססר איז אויס־געפאַלנ סאַכאַקל 107 קילאָגראַמ שטאָל און 233 קילאָוואַט־שאָ אַפ אַ נעפעש פונ דער באַפעלקערונג.

אינ וואָס זשע גײט עס? עס גײט אינ דעמ, וואָס באַפעלקערונג האָבנ מיר אינ עטלעכע מאָל מער, ווי אינ ענגלאַנד, הײסט עס, אַז אויכ די באַדערפעניש זײַנענ גרעסער, ווי אינ ענגלאַנד: אינ ראַטנפאַרבאַנד איז 170 מיליאָנ באַפעלקערונג, און אינ ענגלאַנד איז ניט מער פונ 46 מיליאָנ. די עקאָנאָמישע מעכטיקײַט פונ דער אינדוסטריע דריקט זיכ אויס ניט אינעמ פאַרנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע ביכלאַל, אומפאַרהעלטניסמעסיק צו דער באַפעלקערונג פונעמ לאַנד, נאָר אינעמ פאַרנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, וועלכער איז גענומענ אינ זײַנ דירעקטער פאַרבינדונג מיט דער גרײס פונעמ געברויכ פונ דער דאָזיקער פּראָדוקציע אַפ אַ נעפעש פונ דער באַפעלקערונג. וואָס מער עס פאַלט אויס אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אַפ אַ נעפעש פונ דער באַ־פעלקערונג, אַלץ העכער איז די עקאָנאָמישע מעכטיקײַט פונעמ לאַנד, און פאַרקערט, וואָס װײניקער עס פאַלט אויס פּראָדוקציע אַפ אַ נע־פעש פונ דער באַפעלקערונג, אַלץ נידעריקער איז די עקאָנאָמישע מעכ־טיקײַט פונעמ לאַנד און פונ זײַנ אינדוסטריע. אַלזאָ, וואָס מער באַפעל־קערונג עס איז אינ לאַנד, אַלץ גרעסער זײַנענ אינ לאַנד די באַדערפע־נישנ אינ געברויכ־זאַכנ, דאָס הײסט, אַלץ גרעסער דאַרפ זײַנ דער פאַרנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פונ אַזאַ לאַנד.

מע זאָל נעמענ, צומ בײַשפּיל, די פּראָדוקציע פונ טשוהונ. קעדײ אַריבערצויאָגנ ענגלאַנד עקאָנאָמיש אינ געביט פונ פּראָדוצירנ טשו־הונ, די פּראָדוקציע פונ וועלכנ האָט דאָרטנ אינ 1938 יאָר באַטראָפנ 7 מלנ. טאָנ, דאַרפנ מיר דערפירנ די יערלעכע אויסשמעלצונג פונ טשו־הונ ביז 25 מיליאָנ טאָנ. קעדײ אַריבערצויאָגנ עקאָנאָמיש דײַטשלאַנד, וואָס האָט אינ 1938 יאָר פּראָדוצירט סאַכאַקל 18 מיליאָנ טאָנ טשוהונ, דאַרפנ מיר דערפירנ די יערלעכע אויסשמעלצונג פונ טשוהונ ביז

40—45 מיליאָנ טאָנ. אונ קעדיי אריבערצויאָגנ די פּשא עקאָנאָמיש, האָבנדיק אינ זינענ ניט דעם ניוואָ פונ 1938 קריזיס־יאָר, ווענ די פּשא האָבנ פּראָדוצירט סאַכאַקל 18,8 מיליאָנ טאָנ טשוהונ, נאָר דעם ניוואָ פונ 1929 יאָר, ווענ אינ די פּשא איז געווענ אנ אופשטייג פונ דער אינדוסטריע אונ ווענ ס'איז דאָרט פּראָדוצירט געוואָרנ בא 43 מיליאָנ טאָנ טשוהונ, דאַרפנ מיר דערפירנ די יערלעכע אויסשמעלצונג פונ טשוהונ ביז 50—60 מיליאָנ טאָנ.

דאָס זעלבע דאַרפ מענ זאָגנ וועגנ דער פּראָדוקציע פונ שטאָל, וואַלצונג, וועגנ דער מאַשינבויונג אאוו., ווייל אַט די אַלע אינדוסטריע־צווייגנ, ווי אויכ די איבעריקע צווייגנ, זיינענ אינ לעצטנ סאַכאַקל אָפּהענגיק פונ דער טשוהונ־פּראָדוקציע.

מיר האָבנ אריבערגעיאָגט די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אינ זינ פונ דער טעכניק פונ דער פּראָדוקציע אונ פונ די אַנטוויקלונגס־טעמפּנ פונ דער אינדוסטריע. דאָס איז זייער גוט. אָבער דאָס איז ווייניק. מע דאַרפ זיי אריבעריאָגנ אויכ אינ עקאָנאָמישער הינזיכט. מיר קאָנענ דאָס טאָנ, אונ מיר דאַרפנ דאָס טאָנ. נאָר אינ דעם פאַל, אויב מיר וועלנ אריבעריאָגנ עקאָנאָמיש די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, קאָנענ מיר אויסרעכענענ דערויפ, אַז אונדזער לאַנד וועט זיינ פולשטענדיק אָנגעזעטיקט מיט געברויכ־זאַכנ, עס וועט בא אונדז זיינ א שעפע פּראָדוקטנ, אונ מיר וועלנ באַקומענ די מעגלעכקייט צו מאַכנ דעם איבערגאַנג פונ דער ערשטער פאַזע פונעם קאָמוניזם צו דער צווייטער פאַזע זיינער.

וואָס פאָדערט זיכ צוליב דעם, קעדיי אריבערצויאָגנ עקאָנאָמיש די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער? דערצו פאָדערט זיכ, פריער פאַר אַלצ, אנ ערנסטער אונ ניט געצוימטער ווילנ צו גיינ פאָרויס אונ א גרייטקייט צו גיינ אפ קאָרבאָנעס, גיינ אפ ערנסטע קאַפּיטאַלע אינוועסטיציעס צוליב דער אַלמעגלעכער פאַרברייטערונג פונ אונדזער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. צי זיינענ בא אונדז פאַראַנ די דאָזיקע אָנגאַבנ? אומבאַדינגט פאַראַנ! דערצו פאָדערט זיכ, ווייטער, די אָנוועזנהייט פונ א הויכער טעכניק פונ דער פּראָדוקציע אונ פונ הויכע אַנטוויקלונגס־טעמפּנ פונ דער אינדוסטריע. צי זיינענ בא אונדז פאַראַנ די דאָזיקע אָנגאַבנ? אומבאַדינגט פאַראַנ! דערצו פאָדערט זיכ, ענדלעכ, צייט. יאָ, כאַוויירימ, צייט. מע דאַרפ בויענ נייע זאַוואָדנ. מע דאַרפ שמידנ נייע קאַדרנ פאַר דער אינדוסטריע. נאָר דערצו איז נייטיק צייט, אונ ניט ווייניק. ס'איז אוממעגלעכ פאַר 2—3 יאָר אריבעריאָגנ עקאָנאָמיש די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. דערצו פאָדערט זיכ עטוואָס מער צייט. מע זאָל נעמענ, צומ ביישפּיל, דעם זעלביקנ טשוהונ אונ דאָס פּראָדוצירנ אימ. אינ פאַרלויפ פונ א וועלכנ פּעריאָד צייט קאָנ מענ אריבעריאָגנ עקאָנאָמיש די וויכטיקסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער אינ געביט פונ פּראָדוצירנ טשוהונ? אייניקע טוער פונעמ

מעלוכעפלאָנ פונ דעמ אלטנ באשטאנד האָבנ באמ צונויפשטעלנ דעמ צווייטנ פינפיאָר-פלאנ פאָרגעלייגט צו פארפלאנירנ די פראָדוקציע פונ טשוהונ צומ סאָפ פונעמ צווייטנ פינפיאָר אינ א פארנעמ פונ 60 מי-ליאָנ טאָנ. דאָס הייסט, אז זיי זײַנענ ארויסגעגאנגענ פונ דער מעגלעכ-קײַט פונ א דורכשניטלעכ-יערלעכנ צוווּקס פונ דער טשוהונ-שמעלצונג אינ א פארנעמ פונ 10 מיליאָנ טאָנ. דאָס איז, פארשטייט זיכ, געווענ פאנטאסטיק, אויב ניט ערגער. אגעוו, האָבנ זיכ די דאָזיקע כאווירימ ארײַנגעלאָזט אינ פאנטאסטיק ניט בלויז אינ געביט פונ טשוהונ-פראָ-דוקציע. זיי האָבנ געהאלטנ, צומ בײַשפיל, אז אינ פארלויפ פונעמ צווייטנ פינפיאָר דארפ דער יערלעכער צוווּקס פונ דער באפעלקערונג אינ פססר באטרעפנ דרײַ—פיר מיליאָנ מאנ, אָדער אפילע מער פונ דעמ. דאָס איז אויכ געווענ פאנטאסטיק, אויב ניט ערגער. אויב מע זאָל אָבער אָפווארפנ אָנ א זײַט די פאנטאזיאָרנ אונ זיכ שטעלנ אפ א רעאלנ באָדנ, קאָנ מענ אָננעמענ, אלס אנ אבסאָליוט מעגלעכנ, דורכ-שניטלעכ-יערלעכנ צוווּקס פונ דער טשוהונ-שמעלצונג אינ א פארנעמ פונ צוויי—צוויי א האלבע מיליאָנ טאָנ, האָבנדיק אינ זינענ דעמ איצ-טיקנ צושטאנד פונ דער טעכניק פונ טשוהונ-שמעלצונג. די געשיכטע פונ דער אינדוסטריע פונ די וויכטיקסטע קאפיטאליסטישע לענדער, ווי אויכ פונ אונדזער לאנד, באווײַזט, אז די דאָזיקע נאָרמע פונ יערלעכנ צוווּקס איז אנ אָנגעשטרענגטע, אָבער א פולשטענדיק דערגרייכבארע.

הייסט עס, עס פאָדערט זיכ צײַט, אונ ניט ווייניק, קעדיי צו אריבער-יאָגנ עקאָנאָמיש די וויכטיקסטע קאפיטאליסטישע לענדער. אונ וואָס העכער עס וועט בא אונדז זײַנ די ארבעט-פראָדוקטיווקײַט, וואָס מער עס וועט בא אונדז פארפולקומט ווערנ די טעכניק פונ דער פראָדוק-ציע, אלצ גיכער וועט מענ קאָנענ אויספילנ אָט די וויכטיקסטע עקאָ-נאָמישע אויפגאבע, אלצ מער וועט מענ קאָנענ פארקירצנ די טערמינענ פונ אויספילנ די דאָזיקע אויפגאבע.

ב) די לאנדווירטשאפט. די אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירט-שאפט איז אינ פארלויפ פונעמ באריכט-פעריאָד, פונקט ווי אויכ די אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע, געגאנגענ לויט דער ליניע פונ אופ-שטײַג. דער דאָזיקער אופשטײַג דריקט זיכ אויס ניט בלויז אינעמ וווּקס פונ דער לאנדווירטשאפטלעכער פראָדוקציע, נאָר, פריִער פאר אלצ, אינעמ וווּקס אונ אינ דער פארפעסטיקונג פונ דער סאָציאַליסטי-שער לאנדווירטשאפט, פונ איינ זײַט, אינעמ אומקומ פונ דער אינדי-ווידועלער ווירטשאפט, פונ דער צווייטער זײַט. אינ דער צײַט, ווענ דער פארזיי-שעטעכ פונ טוווע בא די קאָלווירטנ איז אויסגעוואקסנ פונ 75 מיליאָנ אינ 1933 י. ביז 92 מיליאָנ העקטאר אינ 1938 י., האָט דער פארזיי-שעטעכ פונ טוווע בא די אינדיווידואלנ זיכ פארקלענערט אינ דעמ דאָזיקנ פעריאָד פונ 15,7 מיליאָנ העקטאר ביז 600 טויזנט העק-טאר, דה. ביז 0,6 פראָצענט פונעמ גאנצנ פארזיי-שעטעכ פונ טוווע.

איך רייד שוין ניט וועגן די פאַרזיי־שעטעכס פון די טעכנישע קולטורן, וווּ די ראָליע פון דער אינדיווידועלער ווירטשאַפט איז דערפירט געוואָרן צו א נול. ס׳איז באַוווּסט, כוץ דעם, אַז אין די קאָלווירטן זײַנען איצט פאַראייניקט 18 מלן. מיט 800 טויזנט פויערישע הויפן, ד. ה. 93,5 פראָצענט פון אַלע פויערישע הויפן, ניט רעכענענדיק די פישפאַנג־ און געווערב־קאָלווירטן.

דאָס באַטײַט, אַז די קאָלווירטן זײַנען ענדגילטיק פאַרפעסטיקט און פאַרשטאַרקט, און די סאָציאַליסטישע ווירטשאַפט־סיסטעם איז איצט די איינציקע פאָרם פון אונדזער ערדאַרבעט.

אויב מע זאָל פאַרגלײַכן די באַוועגונג פון די פאַרזיי־שעטעכס לויט אַלע קולטורן אין פאַרלויף פונעם באַריכט־פעריאָד מיט די פאַרנעמען פון די פאַרזיי־שעטעכס פונעם פאַר־רעוואָליוציאָנערן פעריאָד, וועט זיך באַקומען פאָלגנדיק בילד:

די פאַרזיי־שעטעכס פון אַלע קולטורן אין פסס"ר

	אין מיליאָנען העקטאַר						1938 י. אין %% צום 1913 י.
	1913 י.	1934 י.	1935 י.	1936 י.	1937 י.	1938 י.	
דער גאַנצער פאַרזיי־שעטעך . .	105,0	131,5	132,8	133,8	135,3	136,9	130,4
דערונטער:							
א) תּבֿואה־קולטורן	94,4	104,7	103,4	102,4	104,4	102,4	108,5
ב) טעכנישע קולטורן	4,5	10,7	10,6	10,8	11,2	11,0	244,4
ג) גערטנערײַ־ און באַשטאַן־קולטורן	3,8	8,8	9,9	9,8	9,0	9,4	247,4
ד) פיטער־קולטורן	2,1	7,1	8,6	10,6	10,6	14,1	671,4

פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, אַז די פאַרזיי־שעטעכס זײַנען בא אונדז אויסגעוואַקסן לויט אַלע קולטורן און פריער פאַר אַלצ— לויט דער ליניע פון די פיטער־קולטורן, טעכנישע קולטורן און גערטנערײַ־ און באַשטאַן־קולטורן.

דאָס באַטײַט, אַז אונדזער ערדאַרבעט ווערט א מער קוואַליפיצירטע און פּראָדוקטיווע, און דאָס אײַנגלידערן א ריכטיקן זיי־פאַרקער באַקומט אונטער זיך א רעאַלן באָדן.

וויאַזוי עס איז געוואַקסן די באַוואָפנטקײַט פון אונדזערע קאָלווירטן און ראַטווירטן מיט טראַקטאָרן, קאָמבײַנען און אַנדערע מאַשינען אין פאַרלויף פונעם באַריכט־פעריאָד, — אַן ענטפער דערויף גיבן די פאָלגנדיקע טאַבעלעס:

1) דער טראַקטאָרן־פּאַרק אין דער לאַנדווירטשאַפט פון ססר

	1933 י.	1934 י.	1935 י.	1936 י.	1937 י.	1938 י.	1938 י. אין % % פון 1933 י.
	א) די צאָל טראַקטאָרן (אין טויזנטער שטיק)						
סאַכאַקל טראַקטאָרן	210,9	276,4	360,3	422,7	454,5	483,5	229,3
דערונטער:							
א) טראַקטאָרן אין די מטס . .	123,2	177,3	254,7	328,5	365,8	394,0	319,8
ב) טראַקטאָרן אין די ראַט־ווירטן און באַהילפיקע ל/ו. אונטערנעמונגען	83,2	95,5	102,1	88,5	84,5	85,0	102,2
	ב) די מעכטיקייט אין טויזנטער פערד־קראַפט						
פון אַלע טראַקטאָרן	3.209,2	4.462,8	6.184,0	7.672,4	8.385,0	9.256,2	288,4
דערונטער:							
א) פון די טראַקטאָרן אין די מטס	1.758,1	2.753,9	4.281,6	5.856,0	6.679,2	7.437,0	423,0
ב) פון די טראַקטאָרן אין די ראַט־ווירטן און באַהילפיקע ל/ו. אונטערנעמונגען	1.401,7	1.669,5	1.861,4	1.730,7	1.647,5	1.751,8	125,0

2) דער פּאַרק פון קאָמבײַנען און אַנדערע מאַשינען אין דער לאַנדווירטשאַפט פון ססר

(אין טויזנטער שטיק; סאָף יאָר)

	1933 י.	1934 י.	1935 י.	1936 י.	1937 י.	1938 י.	1938 י. אין % % פון 1933
קאָמבײַנען	25,4	32,3	50,3	87,8	128,8	153,5	604,3
מאָטאָרן פון אינערלעכער ברע־נונג און לאָקאָמאָבילן . .	48,0	60,9	69,1	72,4	77,9	83,8	174,6
קאָמפּליצירטע און האַלב־קאָמ־פּליצירטע טווע־דרעשמאַשי־נעס	120,3	121,9	120,1	123,7	126,1	130,8	108,7
לאַסט־אויטאָמאָבילן	26,6	40,3	63,7	96,2	144,5	195,8	736,1
לײַכטע אויטאָמאָבילן (אין שט.)	3.991	5.533	7.555	7.630	8.156	9.594	240,4

אויב מע זאָל צו די דאָזיקע ציפערן צוגעבן דעם פאַקט, וואָס די צאָל מאַשין־טראַקטאָרנע סטאַנציעס איז אין פאַרלויף פונעם באַריכט־

פּערײַאָד בא אונדז אויסגעוואַקסנ פונ 2900 אייגנס אינ 1934 י. ביז 6350 אייגנס אינ 1938 י., קאָנ מענ אפּנ גרונט פונ די אלע אָנגאבנ מיט זיכערקײַט זאָגנ, אז די רעקאָנסטרוקציע פונ אונדזער ערדארבעט אפ דער באזע פונ דער נײַער, מאָדערנער טעכניק, איז שוינ פארענדיקט אינ גרונט.

אונדזער ערדארבעט איז, אלזאָ, ניט נאָר די אמערסטנ גרויסע און מעכאניזירטע, און דאָס הייסט אויכ די אמערסטנ סכוירעדיקע ערדארבעט, נאָר אויכ די אמערסטנ באוואָפנטע מיט מאָדערנער טעכניק, אײדער די ערדארבעט פונ א יעטווידער אנדער לאנד.

אויב מע זאָל נעמענ די באוועגונג פונ וווקס פונ דער פּראָדוקציע פונ טווע־קולטורנ און טעכנישע קולטורנ אינ פארלויפ פונעמ באריכט־פּערײַאָד אינ פארגלײַכ מיטנ פארמילכאָמעדיקנ פּעריאָד, גיבנ די אָנגאבנ פאָלגנדיק בילד:

די ברוטאָ־פּראָדוקציע פונ די טווע־קולטורנ און טעכנישע קולטורנ אינ פּסס״ר

	אינ מיליאָנענ צענטנערס						1938 י. אינ %% צום 1913 י.
	1913 י.	1934 י.	1935 י.	1936 י.	1937 י.	1938 י.	
טווע־קולטורנ	801,0	894,0	901,0	827,3	1202,9	949,9	118,6
בוימוואָל (רוי־בוימוואָל) . . .	7,4	11,8	17,2	23,9	25,8	26,9	363,5
לײַנ (פיברענ)	3,3	5,3	5,5	5,8	5,7	5,46	165,5
צוקער־בורעקעס	109,0	113,6	162,1	168,3	218,6	166,8	153,0
אייל־קולטורנ	21,5	36,9	42,7	42,3	51,1	46,6	216,7

פונ דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זענ, אז, ניט געקוקט אפ דער פארטריקעניש אינ די מיזרעכדיקע און דאָרעמ־מיזרעכדיקע ראיאָנענ אינ 1936 י. און אינ 1938 י. און ניט געקוקט אפ דער ביז גאָר הויכער געראָטעניש אינ 1913 יאָר, איז דער וווקס פונ דער ברוטאָ־פּראָדוקציע פונ טווע און טעכנישע קולטורנ געגאנגענ בא אונדז אינעמ באריכט־פּערײַאָד קעסיידער בארג־ארופ אינ פארגלײַכ מיטנ ניוואָ פונעמ 1913 יאָר.

באזונדערס איז אינטערעסאנט די פראגע וועגנ דער סכוירעדיקײַט פונ דער קאָלווירטיש־ראטווירטישער טווע־פּראָדוקציע. דער באוווּסטער סטאטיסטיקער כ' נעמטשינאָוו האָט אויסגערעכנט, אז פונ פינפ

מיליאַרד פּוד ברוטאָ-פּראָדוקציע פֿונ טווּע אינ דער פּאַרמילכאָמעדיקער צײַט פֿלעגט אַפּנ מאַרק אַרויסגעלאָזט ווערנ סכוירע-טווּע סאַכאַקל בא 1 מיליאַרד מיט 300 מיליאָנ פּוד, וואָס באַטרעפֿט 26 פּראָצענט סכוירעדיקײַט פֿונ דער דעמלטיקער טווּע-פּראָדוקציע. דער כ׳ נעמטשינאָוו האַלט, אַז די סכוירעדיקײַט פֿונ דער קאָלווירטישער אונ ראַטווירטישער פּראָדוקציע, אַלס אַ פּראָדוקציע אַ גרויסער, האָט, צומ בײַשפּיל, אינ די יאָרנ 1926—1927 באַטראָפֿנ בא 47 פּראָצענט פֿונ דער ברוטאָ-פּראָדוקציע, אונ די סכוירעדיקײַט פֿונ דער אינדיווידועלער פּויערישער ווירטשאַפֿט — בא 12 פּראָצענט. אויב מע זאָל צוגיינ צו דער זאַכ מער פּאָרזיכטיק אונ אָנעמענ די סכוירעדיקײַט פֿונ דער קאָלווירטיש-ראַטווירטישער פּראָדוקציע אינ 1938 יאָר פֿאַר 40 פּראָצענט פֿונ דער ברוטאָ-פּראָדוקציע, וועט זיכ באַקומענ, אַז אונדזער סאָציאַליסטישע טווּע-ווירטשאַפֿט האָט געקאָנט אַרויסלאָזנ אונ האָט ווירקלעכ אַרויסגעלאָזט אינ דעמ דאָזיקנ יאָר אַפּ דער זײַט בא צוויי מיליאַרד מיט דרײַ הונדערט מיליאָנ פּוד סכוירע-טווּע, דה. אַפּ 1 מיליאַרד פּוד מער סכוירע-טווּע, איידער די פּאַרמילכאָמעדיקע טווּע-פּראָדוקציע.

אַלזאָ, די הויכע סכוירעדיקײַט פֿונ דער ראַטווירטיש-קאָלווירטישער פּראָדוקציע איז די וויכטיקסטע באַזונדערקײַט אירע, וואָס האָט גאָר אַנ ערנסטע באַדײַטונג פֿאַר דער באַזאָרגונג פֿונעמ לאַנד.

גראָד אינ דער דאָזיקער באַזונדערקײַט פֿונ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ שטעקט דער סאָד דערפֿונ, וואָס אונדזער לאַנד האָט זיכ אײַנגעגעבנ אַזוי לײַכט אונ שנעל צו דערלייזנ די טווּע-פּראָבלעמ, די פּראָבלעמ פֿונ גענוגעדיק באַזאָרגנ דאָס קאָלאָסאַלע לאַנד מיט סכוירעדיקער טווּע.

מע דאַרפֿ באַצייכענענ, אַז אינ די לעצטע דרײַ יאָר זײַנענ בא אונדז די יערלעכע טווּע-פּאַרגרײטונגענ ניט אַראָפּגעזונקענ געוואָרנ נידעריקער פֿונ אַ מיליאַרד מיט זעקס הונדערט מיליאָנ פּוד טווּע, אופֿהייבנדיק זיכ טיילמאָל, צומ בײַשפּיל, אינ 1937 יאָר, ביז אַ מיליאַרד מיט 800 מיליאָנ פּוד. אויב מע זאָל צו דעמ צוגעבנ בא 200 מיליאָנ יערלעכנ טווּע-אײַנקויפֿ אונ עטלעכע הונדערט מיליאָנ לויט דער ליניע פֿונעמ קאָלווירטישנ האַנדל מיט טווּע, וועלנ מיר באַקומענ אינ אַלגעמיינ יענע סומע סכוירעדיק ברויט, וואָס די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ לאָזנ אַרויס אַפּ דער זײַט, וועגנ וועלכער עס איז אויבנ דערמאָנט געוואָרנ.

ס׳איז אינטערעסאַנט, ווײַטער, צו באַצייכענענ, אַז אינ די לעצטע דרײַ יאָר האָט זיכ די באַזע פֿונ דער סכוירעדיקער טווּע אַריבערגערוקט פֿונ אוקראַינע, וועלכע האָט זיכ פֿריִער גערעכנט פֿאַרנ ברויטשפּײַכלער פֿונ אונדזער לאַנד, אַפּ צאָפֿנ אונ מיזרעכ, דה. אינ רספסר. ס׳איז באַוווּסט, אַז אינ די לעצטע צוויי—דרײַ יאָר פֿאַרגרייט אוקראַינע

טוווּע סאַכאַקל באַ 400 מיליאָנ פּוד יערלעכ, ביים רספּסר פּאַרגרייט אינ די דאָזיקע יאָרנ יערלעכ אַ מיליאַרד מיט הונדערט — אַ מיליאַרד מיט צוויי הונדערט מיליאָנ פּוד סכוירעדיקע טוווּע.

אַזוי האַלט עס מיט דער טוווּע-פּראָדוקציע.

וואָס איז שייַעכ דער פיצוכט, איז אויכ אינ דעם דאָזיקנ, אַמערסטנ אָפּגעשטאַנענעם, צווייַג פונ דער לאַנדווירטשאַפט האָט זיכ אינ די לעצ-טע יאָרנ אָנגעמערקט ערנסטע איבערוקנ. עמעס, לויט דער צאָל פערד און דער שאָפּ-צוכט שטייענ מיר נאָכ אָפּ פונעם פאַר-רעוואָליוציאָנערנ ניווא, אָבער לויט גרויסע האָרנ-פיי און כאַזיירים-צוכט האָבנ מיר שוינ אַריבערגעשטיגנ דעם פאַר-רעוואָליוציאָנערנ ניווא.

אָט זייַנענ די אָנגאַבנ מיקוייעכ דעם:

די פי-טשערעדע אינ פּססר (אינ מלנ. שטיק)

	פונ 1916 י. לויט די אָנגאַבנ פונ דער ציילונג	אַפּ יול כוידעש 1933	1934	1935	1936	1937	1938	1938 י. אינ %% צומ 1916 י. לויט דער ציילונג	צומ 1933 י.
פערד	35,8	16,6	15,7	15,9	16,6	16,7	17,5	48,9	105,4
גרויס האָרנ-פיי	60,6	38,4	42,4	49,2	56,7	57,0	63,2	104,3	164,6
שעפּסנ און ציגנ	121,2	50,2	51,9	61,1	73,7	81,3	102,5	84,6	204,2
כאַזיירים	20,9	12,1	17,4	22,5	30,5	22,8	30,6	146,4	252,9

עס קאָנ קיינ צווייפל ניט זייַנ, אַז די אָפּגעשטאַנענקייַט אינ געביט פונ פערד-צוכט און שאָפּ-צוכט וועט ליקווידירט ווערנ אינ דעם קירצסטנ טערמינ.

ג) סכוירע-אומזאַצ, טראַנספּאָרט. צוזאַמענ מיטנ אויפ-שטייַג פונ דער אינדוסטריע און פונ דער לאַנדווירטשאַפט איז געוואַקסנ אויכ דער סכוירע-אומזאַצ אינ לאַנד. די איינצל-נעצ פונעם מעלוכישנ און קאָאָפּעראַטיווג האַנדל איז אינ פאַרלויפ פונעם באַריכט-פעריאָד אויסגעוואַקסנ אַפּ 25 פּראָצענט. דער איינצל-אומזאַצ פונעם מעלוכישנ און קאָאָפּעראַטיווג האַנדל איז אויסגעוואַקסנ אַפּ 178 פּראָצענט. דער אומזאַצ פונעם קאָלווירטיש-מאַרק-האַנדל איז אויסגעוואַקסנ אַפּ 112 פּראָצענט.

אָט איז די אנטשפרעכיקע טאבעלע:

דער סכוירע־אומזאצ

	1933 י.	1934 י.	1935 י.	1936 י.	1937 י.	1938 י.	1938 אינ %% צומ 1933 י.
1. די אייַנצל־נעצ פונעמ מעלוכישנ אונ קאָאָפעראטיווג האנדל (מאגאזינענ אונ בײַדלעכ) — סאָפ יאָר . .	285.355	286.236	268.713	289.473	327.361	356.930	125,1
2. דער אייַנצל־אומזאצ פונעמ מעלוכישנ אונ קאָאָפעראטיווג האנדל (אײַנגעשלאָסנ די געזעלשאפטלעכע דערנערונג) — אינ מלנ. רוב.	49.789,2	61.814,7	81·712,1	106.760,9	125.943,2	138.574,3	278,3
3. דער אומזאצ פונעמ קאָלווירטישנ מארקהאנדל אינ מלנ. רוב.	11.500,0	14.000,0	14.500,0	15.607,2	17.799,7	24.399,2	212,2
4. די געגנטלעכע האנדל־באזעס פונ אָפזאצ פונעמ פאָלקאָמשפײַזאינד., פאָלקאָמלײַכטאינד., פאָלקאָמשוועראינד., פאָלקאָמוואלד, פאָלקאָמאָרטאינדנ פונ די פארבאנדישע רעפובליקנ — סאָפ יאָר	718	836	1.141	1.798	1.912	1.994	277,7

ס'איז פארשטענדלעכ, אז דער סכוירע־אומזאצ אינעמ לאנד וואָלט זיכ ניט געקאָנט אזוי פאנאנדערוויקלענ אָנ א געוויסנ וווּקס פונ די טראנספּאָרטירונגענ. אונווירקלעכ, די טראנספּאָרטירונגענ זײַנענ אינעמ באריכט־פעריאָד אויסגעוואקסנ לויט אלע מינימ טראנספּאָרט, באזונדערס לויטנ אײַזנבאנ־ אונ לופט־טראנספּאָרט. די טראנספּאָרטירונגענ זײַנענ אויסגעוואקסנ אויכ לויטנ וואסער־טראנספּאָרט, אָבער מיט גרויסע וואקלונגענ, אונ אינ יאָר 1938 האָבנ די טראנספּאָרטירונגענ לויטנ וואסער־טראנספּאָרט געגעבנ, צומ באדויערנ, א געוויסע פארקלענערונג אינ פארגלײַכ מיטנ פאָריקנ יאָר.

אָט איז די אַנטשפּרעכיקע טאַבעלע:

דער פראַכט-פאַרקער	1933	1934	1935	1936	1937	1938	1938 אינ % צו 1933
די אײַזנבאַנענ (אינ מיליאַרדנ טאָנ-קילאָמעטער)	169,5	205,7	258,1	323,4	354,8	369,1	217,7
דער טײַכ- אונ יאַמ-טראַנספּאָרט (אינ מיליאַרדנ טאָנ-קילאָמעטער)	50,2	56,5	68,3	72,3	70,1	66,0	131,5
דער ציווילער לופט-פלאָט (אינ מיליאָנענ טאָנ-קילאָמעטער) .	3,1	6,4	9,8	21,9	24,9	31,7	1022,6

עס קאָנ קיינ צווייפל ניט זײַנ, אַז די געוויסע אָפּגעשטאַנענקײַט פונעמ וואַסער-טראַנספּאָרט אינ 1938 יאָר וועט ליקווידירט ווערנ אינ 1939 יאָר.

2. דער ווײַטערדיקער אופשטײַג פונ דער מאַטעריעלער אונ קולטורעלער לאַגע פונעמ פאָלק

דער אַלצ דויערנדיקער אופשטײַג פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאַנדווירטשאַפט האָט ניט געקאָנט ניט ברענגענ אונ האָט ווירקלעכ געבראַכט צו אַ נײַעמ וווקס פונ דער מאַטעריעלער אונ קולטורעלער לאַגע פונעמ פאָלק.

די פאַרניכטונג פונ דער עקספּלואַטאַציע אונ די פאַרפעסטיקונג פונ דער סאָציאַליסטישער סיסטעמ אינ דער פאָלקסווירטשאַפט, די אָפּוועזנהײַט פונ אַרבעטסלאָזיקײַט אונ פונ דעמ מיט איר פאַרבינדענעמ דאַלעמ אינ שטאָט אונ דאָרפ, די קאָלאָסאַלע פאַרברייטערונג פונ דער אינדוסטריע אונ דער אומופהערלעכער וווקס פונ דער צאָל אַרבעטער, דער וווקס פונ דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקײַט פונ די אַרבעטער אונ קאָלווירטניקעס, דאָס פאַרפעסטיקנ די ערד אָפּ אייביק פאַר די קאָלווירטנ אונ דאָס באַזאָרגנ די קאָלווירטנ מיט אַ קאָלאָסאַלער צאָל ערשטקלאַסיקע טראַקטאָרנ אונ לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס, — דאָס אַלצ האָט געשאַפנ רעאַלע באַדינגונגענ פאַרנ ווײַטערדיקנ וווקס פונ דער מאַטעריעלער לאַגע פונ די אַרבעטער אונ פויערימ. די פאַרבעסערונג ווידער פונ דער מאַטעריעלער לאַגע פונ די אַרבעטער אונ פויערימ האָט נאַטירלעכ געבראַכט צו אַ פאַרבעסערונג פונ דער מאַטעריעלער לאַגע פונ דער אינטעליגענצ, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר אַ באַדײַטנדיקע קראַפט פונ אונדזער לאַנד אונ וואָס באַדינט די אינטערעסנ פונ די אַרבעטער אונ פויערימ.

איצט גייט שוינ א רייד ניט וועגנ דעמ, אז מע זאָל ווי-ניט-איז אײַנאָרדענענ אינ דער אינדוסטריע אונ נעמענ פונ טויווע-וועגנ אפ ארבעט ארבעטסלאָזע אונ דאכלאָזע פויערימ, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעשלאָגנ פונ דאָרפ אונ לעבנ אונטער שרעק פונ הונגער. אזעלכע פויערימ זײַנענ שוינ לאַנג ניטאָ בא אונדז אינ לאַנד. אונ דאָס איז, פארשטייט זיכ, גוט, ווײַל דאָס זאָגט אײדעס וועגנ דער פארמעגלעכקײַט פונ אונדזער דאָרפ. איצט קאָנ גיינ א רייד בלויז וועגנ דעמ, מע זאָל פאָרלייגנ די קאָלווירטנ נאָכגעבנ אונדזער ביטע אונ אָפּלאָזנ אונדז פאר דער וואקסנדיקער אינדוסטריע יערלעכ כאָטשבי בא אָנדערהאלבנ מיליאָנ יונגע קאָלווירטניקעס. די קאָלווירטנ, וואָס זײַנענ שוינ געוואָרנ פארמעגלעכע, דארפנ האָבנ אינ זינענ, אז אָנ אזא הילפ פונ זייער זײַט וועט זײַנ זייער שווער צו פארברייטערנ ווײַטער אונדזער אינדוסטריע, אונ אָנ דער פארברייטערונג פונ דער אינדוסטריע — וועלנ מיר ניט קאָנענ באפרידיקנ דעמ וואקסנדיקנ נאָכפרעג פונעמ פויערטומ אפ סכוירעס פונ מאסנ-געברויכ. די קאָלווירטנ האָבנ די פולע מעגלעכקײַט צו באפרידיקנ די דאָזיקע ביטע אונדזערע, מאכמעס די שעפע טעכניק אינ די קאָלווירטנ באפרײַט א טייל ארבעטלײַט אינ דאָרפ, אונ די דאָזיקע ארבעטלײַט, אריבערגעפירטע אינ דער אינדוסטריע, וואָלטנ געקאָנט ברענגענ א קאָלאָסאלע נוצ אונדזער גאנצער פאָלקסווירטשאפט.

אינ סאכאקל האָבנ מיר פאָלגנדיקע צײַגער פונ דער פארבעסערונג פונ דער מאטעריעלער לאגע פונ די ארבעטער אונ פויערימ אינ פארלויפ פונעמ באריכט-פעריִאָד:

1. די פאָלקס-האכנאָסע איז אויסגעוואקסנ פונ 48,5 מיליארד רובל אינ 1933 י. ביז 105,0 מיליארד רובל אינ 1938 י.;

2. די צאָל ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע האָט זיכ אופגעהויבנ פונ העכער 22 מיליאָנ מאנ אינ 1933 י. ביז 28 מיליאָנ מאנ אינ 1938 י.;

3. דער יערלעכער פאָנד ארבעטסלוינ פונ די ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע איז אויסגעוואקסנ פונ 34.953 מיליאָנ רובל ביז 96.425 מיליאָנ רובל;

4. דער דורכשניטלעכ-יערלעכער ארבעטסלוינ פונ די ארבעטער פונ דער אינדוסטריע, וואָס האָט אינ 1933 י. באטראָפנ 1.513 רובל, איז געשטיגנ ביז 3.447 רובל אינ 1938 י.;

5. די געלט-האכנאָסעס פונ די קאָלווירטנ זײַנענ געשטיגנ פונ 5.661,9 מיליאָנ רובל אינ 1933 י. ביז 14.180,1 מיליאָנ רובל אינ 1937 י.;

6. דאָס דורכשניטלעכע ארויסגעבנ טוווע אינ די טוווע-ראַיאָנענ אפ איינ קאָלווירטישנ הויפ איז געשטיגנ פונ 61 פוד אינ 1933 יאָר ביז 144 פוד אינ 1937 יאָר, ניט רעכענענדיק די זריִע, די זריִע-סטראַכירפאָנדנ, דעמ פיטער-פאָנד פארנ געזעלשאפטלעכנ פי, די טוווע-אָפּליפערונגענ, דעמ נאטור-אָפּצאָל פונ דער ארבעט פונ די מטס.

7. די מעלוכישע אסיגנירונגען לויטן בודזשעט אף סאָציאַל-קולטור-רעלע מאָסמיטלען זײַנען אויסגעוואקסן פון 5.839,9 מיליאָן רובל אין 1933 י. ביז 35.202,5 מיליאָן רובל אין 1938 יאָר.

וואָס איז שייַעך דער קולטורעלער לאַגע פונעם פאָלק, איז איר אופשטייַג געגאנגען פוסטראָט נאָכן אופשטייַג פון דער מאטעריעלער לאַגע פונעם פאָלק.

פונעם שטאנדפונקט פון דער קולטורעלער אנטוויקלונג פונעם פאָלק איז דער באריכט-פעריאָד געווען בעעמעס א פעריאָד פון קולטור-רעוואָליוציע. דאָס אייַנגלידערן אין לעבן די אלגעמיינע אָבליגאטאָרישע אָנפאנג-בילדונג אף די שפראכן פון די נאציאָנאליטעטן פון פססר, דער וווקס פון די צאָל שולן און שילער פון אלע שטופעס, דער וווקס פון דער צאָל ספעציאַליסטן, וואָס די הויכשולן לאָזן ארויס, די אויסבילדונג און פארפעסטיקונג פון דער נייַער, סאָוועטישער אינטעליגענץ, — אזא איז דאָס אלגעמיינע בילד פונעם קולטור-אופשטייַג פונעם פאָלק.

אָט זייַנען די אָנגאבן מיקויעך דעם:

1) די העכערונג פונעם קולטור-ניוואָ פונעם פאָלק

צ ײַ ג ע ר	אויסמעסטונגס-איינס	1933/34 י.	1938/39 י.	1938/39 י. אין %% צו 1933/34 י.
די צאָל שילער אין די שולן פון אלע שטופעס	טויזנטער מאן	23.814	33·965,4	142,6
דערונטער:				
פון אָנפאנג-בילדונג	„	17.873,5	21·288,4	119,1
פון מיטעלער בילדונג (אלגעמיינער און ספעציעלער) . .	„	5.482,2	12.076,0	220,3
פון העכערער בילדונג . .	„	458,3	601,0	131,1
די צאָל שטודירנדיקע אין פססר (אייַנגעשלאָסן אלע מינים בילדונג)	„	—	47.442,1	—
די צאָל מאסן-ביבליאָטעקן . .	טויזנטער	40,3	70,0	173,7
די צאָל ביכער אין זיי . . .	מלן.	86,0	126,6	147,2
די צאָל קלוב-אנשטאלטן . .	טויזנטער	61,1	95,6	156,5
די צאָל טעאטערס	איינסן	587	790	134,6
די צאָל קינאָ-אינסטאליאציעס (אָן די שמאָלפילמדיקע) . . .	„	27.467	30.461	110,9
דערונטער קלאנג-קינאָ . . .	„	498	15.202	אין 31 מאָל
די צאָל קינאָ-אינסטאליאציעס (אָן די שמאָלפילמדיקע) אין דאָרף	„	17.470	18.991	108,7
דערונטער קלאנג-קינאָ . . .	„	24	6.670	אין 278 מאָל
דער יערלעכער טיראזש פון די צייַטונגען	מלן.	4.984,6	7.092,4	142,3

367—3

2) אויסגעבויט שולנ אינ די יאָרנ 1933—1938 אינ פססר

יאָרנ	די צאָל שולנ: אינ די שטעט אונ יישווים פונ שטאָטישנ טיפּ	אינ דאָרפישע ערטער	סאַכאַקל
1933	326	3.261	3.587
1934	577	3.488	4.065
1935	533	2.829	3.362
1936	1.505	4.206	5·711
1937	730	1.323	2.053
1938	583	1.246	1.829
סאכאקל פאר די יאָרנ 38—1933	4.254	16.353	20.607

3) ארויסגעלאָזט יונגע ספּעציאַליסטנ פונ די העכערע לערנ-אנשטאלטנ אינ די יאָרנ 1933—1938

(אינ טויזנטער)

	1933	1934	1935	1936	1937	1938
סאכאקל אינ פססר (ניט רעכנענדיק די מיליטערישע ספּעציאַליסטנ) . .	34,6	49,2	83,7	97,6	104,8	106,7
1. אינזשעניערנ פונ דער אינדוסטריע אונ בויונג	6,1	14,9	29,6	29,2	27,6	25,2
2. אינזשעניערנ פונ טראנספּאָרט אונ פאר־בינדונג	1,8	4,0	7,6	6,6	7,0	6,1
3. אינזשעניערנ פונ מעכאניזירנ די לאנד־ווירטשאפט, אגראָנאָמענ, וועטערינארע דאָקטוירימ אונ זאָאָטעכניקער	4,8	6,3	8,8	10,4	11,3	10,6
4. עקאָנאָמיסטנ אונ יוריסטנ	2,5	2,5	5,0	6,4	5,0	5,7
5. לערער פונ דער מיטלשול, פונ ארב־פאקנ, טעכניקומענ אונ אנדערע בילדונגס-טוער, דערונטער קונסט-טוער .	10,5	7,9	12,5	21,6	31,7	35,7
6. דאָקטוירימ, פּראָוויזאָרנ אונ טוער פונ פיזישער קולטור	4,6	2,5	7,5	9,2	12,3	13,6
7. אנדערע ספּעציאַליטעטנ	4,3	11,1	12,7	14,2	9,9	9,8

אינ רעזולטאט פונ אָט דער גאנצער קאָלאָסאלער קולטור־ארבעט איז בא אונדז אנטשטאנענ אונ האָט זיכ אויסגעבילדעט א פילצאָליקע נײַע, סאָוועטישע אינטעליגענצ, וואָס איז ארויסגעגאנגענ פונ די רייענ פונעמ ארבעטער־קלאס, פונעמ פויערטומ, פונ די סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, לײַב פונ לײַב אונ בלוט פונ בלוט פונ אונדזער פאָלק — אנ אינטעליגענצ, וואָס ווייסט ניט פונעמ יאָכ פונ עקספּלואטאציע, וואָס פארהאסט די עקספּלואטאָרנ אונ איז גרייט צו דינענ די פעלקער פונ פססר מיט לײַב אונ לעבנ.

איכ מיינ, אז די געבורט פונ אָט דער נײַער, פאָלקישער, סאָציאַליסטישער אינטעליגענצ איז איינער פונ די סאמע וויכטיקע רעזולטאטנ פונ דער קולטור־רעוואָליוציע אינ אונדזער לאנד.

3. די ווײַטערדיקע פארפעסטיקונג פונ דער סאָוועטישער אָרדענונג

איינער פונ די וויכטיקסטע רעזולטאטנ פונ דעמ באריכט־פעריאָד באשטייט דערינ, וואָס ער האָט געבראכט צו א ווײַטערדיקער פארפעסטיקונג פונ דער אינערלעכער לאגע פונעמ לאנד, צו א ווײַטערדיקער פארפעסטיקונג פונ דער סאָוועטישער אָרדענונג.

אונ אנדערש האָט דאָס ניט געקאָנט זײַנ. די באפעסטיקונג פונ דער סאָציאַליסטישער סיסטעמ אינ אלע צווײַגנ פונ דער פאָלקסווירטשאפט, דער אופשטײַג פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאנדווירטשאפט, דער אופשטײַג פונ דער מאטעריעלער לאגע פונ די ארבעטנדיקע, די העכערונג פונ דער קולטורעלקײַט פונ די פאָלקסמאסנ, די העכערונג פונ זייער פאָליטישער אקטיווקײַט, — דאָס אלצ, פארווירקלעכט אונטער דער אָנפירונג פונ דער ראטנמאכט, האָט ניט געקאָנט ניט ברענגענ צו א ווײַטערדיקער פארפעסטיקונג פונ דער סאָוועטישער אָרדענונג.

די באזונדערקײַט פונ דער סאָוועטישער געזעלשאפט פונ דער איצטיקער צײַט, צומ אונטערשייד פונ יעטווידער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, באשטייט דערינ, וואָס אינ איר זײַנענ מער ניטאָ קיינ אנטאגאָניסטישע, פײַנטלעכע קלאסנ, די עקספּלואטאָרישע קלאסנ זײַנענ ליקווידירט, אונ די ארבעטער, די פויערימ אונ די אינטעליגענצ, וואָס בילדנ די סאָוועטישע געזעלשאפט, לעבנ אונ ארבעטנ אפ די יעסוידעס פונ פרײַנטלעכער מיטארבעטשאפט. אינ דער צײַט, ווענ די קאפּיטאליסטישע געזעלשאפט ווערט צעריסנ פונ אומבעשאָלעמדיקע ווידערשפּרוכנ צווישנ די ארבעטער אונ די קאפּיטאליסטנ, צווישנ די פויערימ אונ די גוטבאזיצער, וואָס דאָס פירט צו דער אומשטאנדהאפטיקײַט פונ איר אינערלעכער לאגע, איז די סאָוועטישע געזעלשאפט,

אַ באַפרײַטע פונעם יאָך פון עקספּלואַטאַציע, ווייסט ניט פון אַזוינע ווידערשפּרוכן, זי איז פרײַ פון קלאַסן-צוזאַמענשטויסן און שטעלט פאָר אַ בילד פון פרײַנטלעכער מיטאַרבעטשאַפט פון די אַרבעטער, פּויערים, אינטעליגענץ. אויף יעסאָד פון דער דאָזיקער געמיינזאַמקײַט האָבן זיך טאַקע פאַנאַנדערגעוויקלט אַזוינע טרײַב-קרעפטן, ווי די מאָראַליש-פּאָליטישע איינהײַט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט, די פרײַנטשאַפט פון די פעלקער פון פססר, דער סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם. אויפן דעם זעלבן יעסאָד זײַנען אַנטשטאַנען די קאָנסטיטוציע פון פססר, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין נאָיאַבער 1936 י., און די פולשטענדיקע דעמאָקראַטיזירונג פון די וואַלן אין די אויבער-אָרגאַנען פונעם לאַנד.

וואָס איז שײַעך די וואַלן גופע אין די אויבער-אָרגאַנען פונעם לאַנד, האָבן זיי געדינט אַלס אַ גלענצנדיקע דעמאָנסטראַציע טאַקע פון יענער איינהײַט פון דער סאָוועטישער געזעלשאַפט און טאַקע פון יענער פרײַנטשאַפט פון די פעלקער פון פססר, וואָס בילדן די כאַראַקטעריסטישע באַזונדערקײַט פון דער אינערלעכער לאַגע פון אונדזער לאַנד. ביים די וואַלן אין אויבער-ראַט פון פססר אין דעקאַבער 1937 י., האָבן, ווי באַוווּסט, פאַרן בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּאַרטייִשע געשטימט קימאַט 90 מיליאָן וויילער, דה. 98,6 פּראָצענט פון אַלע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער אָפּשטימונג, און בא די וואַלן אין די אויבער-ראַטן פון די פאַרבאַנדישע רעפּובליקן אין יונ 1938 י. האָבן פאַרן בלאָק פון די קאָמוניסטן און די אומפּאַרטייִשע געשטימט 92 מיליאָן וויילער, דה. 99,4 פּראָצענט פון אַלע, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער אָפּשטימונג.

אָט ווו עס איז דער יעסאָד פון דער פעסטקײַט פון דער סאָוועטישער אָרדענונג און דער קוואַל פון דער אומויסשעפּלעכער קראַפט פון דער ראַטנמאַכט.

דאָס באַטײַט, אַגעוו, אַז אין פאַל פון אַ מילכאָמע וועט דאָס הינטערלאַנד און דער פראָנט פון אונדזער אַרמיי מאַכמעס זייער איינאַרטיקײַט און אינערלעכער איינהײַטלעכקײַט — זײַן שטאַרקער, איידער אין יעטווידער אַנדער לאַנד, וועגן וואָס עס וואָלטן געדאַרפט געדענקען די אויסלענדישע ליבהאָבער פון קריגס-צוזאַמענשטויסן.

איייניקע טוער פון דער אויסלענדישער פּרעסע פּלוידערן, אַז דאָס, וואָס מע האָט די סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס אָפּגערייניקט פון שפּיאָנען, מערדער און שעדיקער, ווי אַשטייגער טראָצקי, זינאָוויעוו, קאַמענעוו, יאַקיר, טוכאַטשעווסקי, ראָזענגאָלץ, בוכאַרין און אַנדערע אויסוואָרפן, האָט קלוימערשט „אַ וואַקל געטאָן" די סאָוועטישע אָרדענונג, אַרײַנגעבראַכט אַ „צעלייגונג". די דאָזיקע באַנאַלע פּלוידערײַ פאַרדינט, מע זאָל פון איר כויזעק מאַכן. וויאַזוי קאָן עס אַ וואַקל טאָן און צע-

ליגנ די סאָוועטישע אָרדענונג דאָס, וואָס מע האָט די סאָוועטישע אָרגאניזאציעס אָפּגערייניקט פונ שעדלעכע אונ פײַנטלעכע עלעמענטנ? דאָס טראָצקיסטיש-בוכארינישע הײַפל שפּיאָנענ, מערדער אונ שעדיקער, וואָס האָט געפּויזעט אפ אלע פיר פאר אויסלאנד, וואָס איז דורכגעדרונגענ מיטנ קנעכטישנ געפיל פונ בוקנ זיכ פאר יעטווידנ אויסלענדישנ טשינאָווניקל אונ וואָס איז גרייט גיינ צו אימ אפ שפּיאָנישער דינסט, — א הײַפל מענטשנ, וואָס האָט ניט פארשטאנענ, אז דער לעצטער סאָוועטישער בירגער, א פרײַער פונ די קייטנ פונ קאפּיטאל, שטייט מיט א קאָפּ העכער פונ יעטווידנ אויסלענדישנ הויכגעשטעלטנ טשינאָווניקל, וואָס שלעפּט אפ די פּלייצעס דעמ יאָכ פונ דער קאפּיטאליסטישער קנעכטשאפט, — ווער דארפ זי האָבנ, אָט די נעבעכדיקע באנדע פארקויפטע קנעכט, וואָס פאר א ווערט קאָנ זי מיט זיכ פאָרשטעלנ פארנ פאָלק אונ וועמענ קאָנ זי „צעלייגנ"? אינ יאָר 1937 זײַנענ פארורטיילט געוואָרנ צו צעשיסונג טוכאטשעווסקי, יאקיר, אובאָרעוויטש אונ אנדערע אויסוואורפנ. נאָכ דעמ זײַנענ פאָרגעקומענ די וואלנ אינ אויבער-ראט פונ פססר. די וואלנ האָבנ געגעבנ דער ראטנמאכט 98,6 פּראָצענט פונ אלע אָנטיילנעמער פונ דער אָפּשטימונג. אינ אָנהייב 1938 י. זײַנענ פארורטיילט געוואָרנ צו צעשיסונג ראָזענגאָלצ, ריקאָוו, בוכארינ אונ אנדערע אויסוואורפנ. נאָכ דעמ זײַנענ פאָרגעקומענ די וואלנ אינ די אויבער-ראטנ פונ די פארבאנדישע רעפּובליקנ. די וואלנ האָבנ געגעבנ דער ראטנמאכט 99,4 פּראָצענט פונ אלע אָנטיילנעמער פונ דער אָפּשטימונג. פרעגט זיכ, ווו זשע זײַנענ דאָ די סימאָנימ פונ „צעלייגונג" אונ פארוואָס האָט זיכ די דאָזיקע „צעלייגונג" ניט אָפּגערופנ אפ די רעזולטאטנ פונ די וואלנ?

הערנדיק אָט די אויסלענדישע פּלוידערזעק, קאָנ מענ קומענ צומ אויספיר, אז אויב מע וואָלט איבערגעלאָזט אפ דער פרײַ די שפּיאָנענ, מערדער אונ שעדיקער אונ ניט געשטערט זיי שעדיקנ, מאָרדנ אונ שפּיאָנעווענ, וואָלטנ די סאָוועטישע אָרגאניזאציעס געווענ ניט אינ אזוי ערעכ פעסטער אונ שטאנדהאפטיקער. (ג ע ל ע כ ט ע ר.) צי ניט צו פרי גיבנ זיי זיכ ארויס די דאָזיקע הערנ, וואָס פארטיידיקנ אזוי פרעכ די שפּיאָנענ, מערדער, שעדיקער?

צי וואָלט ניט ריכטיקער געווענ צו זאָגנ, אז דאָס אָפּרייניקנ די סאָוועטישע אָרגאניזאציעס פונ שפּיאָנענ, מערדער, שעדיקער וואָלט גע־דארפט געווענ ברענגענ אונ האָט ווירקלעכ געבראכט צו א ווײַטערדיקער פארפעסטיקונג פונ די דאָזיקע אָרגאניזאציעס?

ווענג וואָס ריידנ, צומ בײַשפּיל, די געשעענישנ בא דער אָזערע כאסאנ, אויב ניט וועגנ דעמ, אז דאָס אָפּרייניקנ פונ שפּיאָנענ אונ שעדיקער די סאָוועטישע אָרגאניזאציעס איז דאָס ריכטיקסטע מיטל צו פארפעסטיקנ זיי?

* * *

די אופגאבן פון דער פארטיי אין געביט פון דער אינערלעכער פּאָליטיק:

1. פאנאנדערוויקלען ווײַטער דעם אופשטײַג פון אונדזער אינדוס־טריע, דעם וווּקס פון דער ארבעט־פּראָדוקטיווקײַט, די פארפולקומונג פון דער פּראָדוציר־טעכניק אף אזא אויפן, אז נאָך דעם, ווי מיר האָבן שוין אריבערגעיאָגט די וויכטיקסטע קאפיטאליסטישע לענדער אין גע־ביט פון דער טעכניק פון דער פּראָדוקציע און פון די וווּקס־טעמפּן פון דער אינדוסטריע, — זאָלן מיר זיי אויך אריבעריאָגן עקאָנאָמיש אין פארלויף פון די נאָענטסטע 10—15 יאָר.

2. פאנאנדערוויקלען ווײַטער דעם אופשטײַג פון אונדזער ערד־ארבעט און פיצוכט אף אזא אויפן, אז אין פארלויף פון די נאָענטסטע 3—4 יאָר זאָל מען זיך דערשלאָגן א יערלעכע פּראָדוצירונג פון 8 מיל־יארד פוד טווּע מיט א דורכשניטלעכער גערעטעניש פון 12—13 צענט־נער פון א העקטאר, פארגרעסערן די פּראָדוקציע פון טעכנישע קול־טורן אף 30—35 פּראָצענט דורכשניטלעך, פארגרעסערן די טשערע־דעס שעפּסן און כאזיירים אין צוויי מאָל, די טשערעדע גרויס־האָרנ־פי — אף א פּראָצענט 40, די צאָל פערד — אף א פּראָצענט 35.

3. פּאָרזעצן ווײַטער די פארבעסערונג פון דער מאטעריעלער און קולטורעלער לאגע פון די ארבעטער, פויערים, אינטעליגענץ.

4. אומאָפּנייגלעך דורכפירן אין לעבן אונדזער סאָציִאליסטישע קאָנ־סטיטוציע, פארווירקלעכן ביזן סאָף די דעמאָקראטיזירונג פונעם פּאָ־ליטישן לעבן פונעם לאנד, פארפעסטיקן די מאָראליש־פּאָליטישע אײנ־הײַט פון דער סאָוועטישער געזעלשאפט און די פרײַנטלעכע מיטאר־בעט פון די ארבעטער, פויערים, אינטעליגענץ, פארפעסטיקן אלמענ־לעך די פרײַנטשאפט פון די פעלקער פון פסםר, אנטוויקלען און קול־טיווירן דעם סאָוועטישן פּאטריאָטיזם.

5. ניט פארגעסן וועגן דער קאפּיטאליסטישער ארומרינגלונג, געדענ־קען, אז די אויסלענדישע אויסשפּירונג וועט שיקן אין אונדזער לאנד שפּיאָנען, מערדער, שעדיקער, געדענקען וועגן דעם און פארפעסטיקן אונדזער סאָציִאליסטישע אויסשפּירונג, סיסטעמאטיש העלפנדיק איר גראָמירן און אויסוואָרצלען די סאָנים פון פאָלק.

III

די ווײַטערדיקע פארשטארקונג פון דער אלקפּ(ב)

פון שטאנדפּונקט פון דער פּאָליטישער ליניע און פון דער טאָג־טעגלעכער פּראקטישער ארבעט איז דער באריכט־פּעריאָד געווען א פּעריאָד פון פולשטענדיקן זיג פון דער גענעראלער ליניע פון דער

פארטיי. (שטורמישע לאנגדויערנדיקע אפלאָדיסמענטנ.)

די באפעסטיקונג פונ דער סאָציאַליסטישער סיסטעם אינ דער גאַנצער פאָלקסווירטשאַפט, די פארענדיקונג פונ דער רעקאָנסטרוקציע פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער ערדארבעט אפנ יעסאָד פונ דער נײַער טעכניק, די פארטערמיניקע אויספילונג פונעם צווייטנ פינפיאָר-פּלאַנ לויט דער אינדוסטריע, דער אופשטײַג פונ דער יערלעכער טוווּ-פּראָדוקציע ביז צום ניוואָ פונ 7 מיליארד פוד, די פארניכטונג פונעם דאָלעס אונ פונ דער ארבעטסלאָזיקײַט אונ דער אופשטײַג פונ דער מאַטעריעלער אונ קולטורעלער לאגע פונעם פאָלק, — אזעלכע זײַנענ די גרונט-דערגרייכונגענ, וואָס דעמאָנסטרירנ די ריכטיקײַט פונ דער פּאָליטיק פונ אונדזער פארטיי, די ריכטיקײַט פונ איר אָנפירונג.

שטייענדיק פארנ פאקט פונ די דאָזיקע גראנדיעזע דערגרייכונגענ, זײַנענ די קעגנער פונ דער גענעראלער ליניע פונ אונדזער פארטיי, די פארשיידענע דאָרט „לינקע“ אונ „רעכטע“ שטרעמונגענ, די אלערליי דאָרט טראָצקיסטיש-פּיאטאקאָווישע אונ בוכארינ-ריקאָווישע איבערגעבליבענע געוועזענע צונויפשרומפּנ זיכ אינ א קנויל, פארבאהאלטנ זייערע אָפּגעניצטע „פּלאטפאָרמעס“ אונ אוועק אינ אונטערערד. ניט האָבנדיק קיינ מוט צו אונטערגעבנ זיכ דעם ווילנ פונעם פאָלק, האָבנ זיי געפונענ פאר בעסער צונויפגיסנ זיכ מיט די מענשעוויקעס, עסערנ, פאשיסטנ, אוועקגיינ אפ דינסט צו דער אויסלענדישער אויסשפּירונג, פארדינגענ זיכ פאר שפּיאָנענ אונ פארפּליכטנ זיכ צו העלפנ די סאָנים פונעם ראטנפארבאנד צו צעגלידערנ אונדזער לאנד אונ אופשטעלנ אינ אימ די קאפּיטאליסטישע קנעכטשאפט.

אזא איז דער רומלאָזער סאָפ פונ די קעגנער פונ דער ליניע פונ אונדזער פארטיי, וואָס זײַנענ דערנאָכ געוואָרנ סאָנים פונ פאָלק.

צעגראָמירט די סאָנים פונ פאָלק אונ אָפּגערייניקט פונ די איבערגעבליבענע די פארטיי-אונ סאָוועטישע אָרגאניזאציעס, איז די פארטיי געוואָרנ נאָכ מער איינהײַטלעכ אינ איר פּאָליטישער אונ אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט, זי איז געוואָרנ נאָכ מער באהעפט ארומ איר צענטראל-קאָמיטעט. (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ. אלע דעלעגאטנ הייבנ זיכ אופ אונ באגריסנ שטייענדיק דעמ פאָרטרעגער. אויסרופנ: „דעמ כאווער סטאלינ הורא! לעבנ זאָל דער כאווער סטאלינ! לעבנ זאָל דער צק פונ אונדזער פארטיי! הורא!“)

לאָמיר באטראכטנ די קאָנקרעטע אָנגאבנ וועגנ דער אנטוויקלונג פונעם אינערלעכנ לעבנ פונ דער פארטיי, וועגנ איר אָרגאניזאציאָנעלער אונ פּראָפּאגאנדיסטישער ארבעט אינ פארלויפ פונעם באריכט-פּעריאָד.

1. די מיטלען צו פֿאַרבעסערן דעם באַשטאַנד פֿון דער פּאַרטיי. די דעקאָנצענטרירונג פֿון די אָרגאַניזאַציעס. די דערנענטערונג פֿון די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען צו דער אונטערשטער אַרבעט

די פֿאַרפֿעסטיקונג פֿון דער פּאַרטיי און פֿון אירע אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אינעם באַריכט-פּעריאָד אין דער ערשטער ריי לויט צוויי ליניעס: לויט דער ליניע פֿון רעגולירן דעם פּאַרטיי-באַשטאַנד, אַרויסשטויסן די ניט-זיכערע און אָפּקלײַבן די בעסערע, און לויט דער ליניע פֿון דעקאָנצענטרירן די אָרגאַניזאַציעס, פֿאַרקלענערן זייער גרייס און דערנענטערן די אָנפֿירנדיקע אָרגאַנען צו דער אונטערשטער, אָפּעראַטיווער, קאָנקרעטער אַרבעט.

אויפֿן XVII פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר זײַנען געווען פֿאָרגעשטעלט 1.874.488 פּאַרטיי-מיטגלידער. אויב מע זאָל פֿאַרגלײַכן די דאָזיקע אָנגאַבן מיט די אָנגאַבן וועגן דער צאָל פּאַרטיי-מיטגלידער, וואָס זײַנען פֿאָרגעשטעלט אויף דעם פֿריערדיקן, דעם XVI פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר, וועט זיך באַקומען, אַז אינעם פּעריאָד פֿונעם XVI פּאַרטיי-צוזאַמענפֿאָר ביזן XVII צוזאַמענפֿאָר זײַנען אין דער פּאַרטיי צוגעקומען 600 טויזנט נײַע פּאַרטיי-מיטגלידער. די פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט ניט דערפֿילן, אַז אַזאַ מאַסן-צופֿלוס אין דער פּאַרטיי אין די באַדינגונגען פֿון די יאָרן 1930—1933 איז אַ ניט-געזונטע און ניט-געווּנטשענע פֿאַרברייטערונג פֿון איר באַשטאַנד. די פּאַרטיי האָט געוווּסט, אַז אין אירע רייען גייען ניט נאָר אָרנטלעכע און איבערגעגעבענע, נאָר אויך צופֿעליקע מענטשן, נאָר אויך קאַריעריסטן, וואָס שטרעבן אויסצונוצן די פּאַרטיי-פֿאָן אין זייערע פּערזענלעכע צילן. די פּאַרטיי האָט ניט געקאָנט ניט וויסן, אַז זי איז שטאַרק ניט בלויז מיט דער צאָל פֿון אירע מיטגלידער, נאָר, פֿריִער פֿאַר אַלץ, מיט זייער קוואַליטעט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע וועגן רעגולירן דעם פּאַרטיי-באַשטאַנד. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פֿאָרצוזעצן די רייניקונג פֿון די פּאַרטיי-מיטגלידער און קאַנדידאַטן, וועלכע איז אָנגעהויבן געוואָרן נאָך אין 1933 יאָר, און זי איז ווירקלעך פֿאָרגעזעצט געוואָרן ביז מײַ 1935 יאָר. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, ווײַטער, אָפּשטעלן דעם אויפֿנעם פֿון נײַע מיטגלידער אין דער פּאַרטיי, און ער איז ווירקלעך אָפּגעשטעלט געוואָרן ביז סאַמע סענטיאַבער 1936 יאָר, דערבײַ איז דער אויפֿנעם פֿון נײַע מיטגלידער אין דער פּאַרטיי באַנײַט געוואָרן ערשט דעם 1 נאָיאַבער 1936 יאָר. ווײַטער, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ראָצכישער דערמאָרדונג פֿונעם כאַווער קיראָוו, וועלכע האָט איידעס געזאָגט וועגן דעם, אַז אין דער פּאַרטיי איז פֿאַראַן ניט ווייניק פֿאַרדעכטיקע עלעמענטן, איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופֿירן אַ דורכקאָנטראָלירונג און אַן אומבײַט פֿון די פּאַרטיי-דאָקומענטן, דערבײַ

איז אי דאָס אי יענע פאַרענדיקט געוואָרנ ערשט צו סענטיאַבער 1936 יאָר. ערשט נאָכ דעמ האָט זיכ אָנגעהויבנ דער אופנעמ פונ נײַע מיטגלידער אונ קאַנדידאַטנ אינ דער פּאַרטיי. אינ רעזולטאַט פונ אָט די אַלע מאָסמיטלענ האָט זיכ די פּאַרטיי דערשלאָגנ דערצו, אַז זי האָט אירע רייענ אָפּגערייניקט פונ צופעליקע, פּאַסיווע, קאַריעריסטישע אונ בעפיירעשע פײַנטלעכע עלעמענטנ, האָבנדיק אָפּגעקליבנ די אַמערסטנ שטאַנדהאַפטיקע אונ איבערגעגעבענע מענטשנ. מע קאָנ ניט זאָגנ, אַז די רייניקונג איז דורכגעפירט געוואָרנ אָנ ערנסטע פעלערנ. צום באַדויערנ, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ מער פעלערנ, ווי מע וואָלט זיכ געקאָנט מעשאַער זײַנ. קיינ ספּעק ניט, אַז אונדז וועט מער ניט אויסקומענ צו באַנוצנ זיכ מיטנ מעטאָד פונ מאַסנ-רייניקונג. אָבער די רייניקונג פונ די יאָרנ 1933—1936 איז דאָכ געווענ אומפאַרמײַדלעכ אונ זי האָט אינ גרונט געגעבנ פּאָזיטיווע רעזולטאַטנ. אַפּ דעמ איצטיקנ, דעמ XVIII צוזאַמענפאָר איז פאָרגעשטעלט בא 1.600 טויזנט פּאַרטיי-מיטגלידער, דה. אַפּ 270 טויזנט פּאַרטיי-מיטגלידער ווייניקער, איידער אַפּנ XVII צוזאַמענפאָר. אָבער דעריג איז ניטאָ קיינ שום שלעכטס. פאַרקערט, דאָס איז צום בעסערנ, ווײַל די פּאַרטיי פאַרפעסטיקט זיכ דערמיט, וואָס זי רייניקט זיכ אָפּ פונ אומריינקײַט. די פּאַרטיי איז איצט בא אונדז עטוואָס קלענער לויט דער צאָל מיטגלידער אירע, נאָר דערפאַר איז זי בעסער לויט דער קוואַליטעט.

דאָס איז א גרויסע דערגרייכונג.

וואָס איז שײַעכ דער פאַרבעסערונג פונ דער טאָגטעגלעכער פּאַרטיישער אָנפירונג אינ זינ פונ דערנענטערנ זי צו דער אונטערשטער אַרבעט, אינ זינ פונ איר ווײַטערדיקער קאָנקרעטיזירונג, איז די פּאַרטיי געקומענ צו דעמ אויספיר, אַז די דעקאָנצענטרירונג פונ די אָרגאַניזאַציעס, דאָס פאַרקלענערנ זייער גרייס איז דאָס בעסטע מיטל, קעדיי צו פאַרלײַכטערנ די פּאַרטיי-אָרגאַנענ די אָנפירונג מיט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, אונ די עצעמ אָנפירונג מאַכנ פאַר א קאָנקרעטער, לעבעדיקער, אָפּעראַטיווער. די דעקאָנצענטרירונג איז געגאַנגענ סײַ לויט דער ליניע פונ די פּאָלקאָמאַטנ, סײַ אויכ לויט דער ליניע פונ די אַדמיניסטראַטיוו-טעריטאָריעלע אָרגאַניזאַציעס, דה. לויט דער ליניע פונ די פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ, קאַנטנ, געגנטנ, ראַיאָנענ אאוו. אינ רעזולטאַט פונ די אָנגענומענע מאָסמיטלענ האָבנ מיר איצינד אָנשטאָט 7 פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ 11 פאַרבאַנדישע רעפּובליקנ, אָנשטאָט 14 פּאָלקאָמאַטנ פונ פסער 34 פּאָלקאָמאַטנ, אָנשטאָט 70 קאַנטנ אונ געגנטנ 110 קאַנטנ אונ געגנטנ, אָנשטאָט 2.559 שטאָטישע אונ דאָרפישע ראַיאָנענ 3.815. אַנטשפּרעכיק דערצו איז אינ דער סיסטעמ פונ די אָנפירנדיקע פּאַרטיי-אָרגאַנענ פאַראַנ איצינד 11 צענטראַל-קאָמיטעטנ אינ דער שפּיצ מיטנ צק אלקפּ(ב), 6 קאַנטישע קאָמיטעטנ, 104 געגנטלעכע קאָמיטעטנ, 30 קרײַז-קאָמיטעטנ, 212 אַלשטאָטישע

קאָמיטעטן, 336 שטאָטישע ראיאָנע קאָמיטעטן, 3.479 דאָרפישע ראַיאָנע קאָמיטעטן און 113.060 ערשטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז די זאַך פון דעקאָנצענטרירן די אָרגאַניזאַציעס איז שוין פאַרענדיקט. וואַרשײַנלעכער פון אַלץ, אַז די דעקאָנצענטרירונג וועט גיין ווײַטער. אָבער, ווי דאָס זאָל ניט זײַן, גיט זי שוין איצט גינסטיקע רעזולטאַטן סײַ אין דער הינזיכט פון פאַרבעסערן די טאָגטעגלעכע אָנפירונג מיט דער אַרבעט, סײַ אויך אין דער הינזיכט פון דערנעענטערן די עצמע אָנפירונג צו דער אונטערשטער קאָנקרעטער אַרבעט. איך רייד שוין ניט וועגן דעם, אַז די דעקאָנצענטרירונג פון די אָרגאַניזאַציעס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצורוקן אַף אָנפירנדיקער אַרבעט הונדערטער און טויזנטער נײַע מענטשן.

דאָס איז אויך אַ גרויסע דערגרייכונג.

2. דאָס צוקלײַבן קאַדרען, דאָס אַרויסרוקן זיי, דאָס פאַנאַנדערשטעלן זיי

די רעגולירונג פונעם פּאַרטיי־באַשטאַנד און די דערנעענטערונג פון די אָנפירנדיקע אָרגאַנען צו דער קאָנקרעטער אונטערשטער אַרבעט זײַנען ניט געווען און האָבן ניט געקאָנט זײַן דאָס איינציקע מיטל פון דער ווײַטערדיקער פאַרפעסטיקונג פון דער פּאַרטיי און פון איר אָנפירונג. אַ צווייט מיטל אַף צו פאַרפעסטיקן די פּאַרטיי אינעם באַריכט־פּעריאָד איז געווען די גרינטלעכע פאַרבעסערונג פון דער אַרבעט מיט די קאַדרען, די פאַרבעסערונג פון דער זאַך פון צוקלײַבן קאַדרען, פון אַרויסרוקן זיי, פאַנאַנדערשטעלן זיי, קאָנטראָלירן זיי אין פּראָצעס פון דער אַרבעט.

די פּאַרטיי־קאַדרען — דאָס איז דער קאָמאַנדירן־באַשטאַנד פון דער פּאַרטיי, און אַזוי ווי אונדזער פּאַרטיי שטייט בא דער מאַכט, — זײַנען זיי אויך דער קאָמאַנדירן־באַשטאַנד פון די אָנפירנדיקע מעלוכישע אָרגאַנען. נאָך דעם, ווי עס איז אויסגעאַרבעט אַ ריכטיקע פּאָליטישע ליניע, וואָס איז דורכגעקאָנטראָלירט אין דער פּראַקטיק, ווערן די פּאַרטיי־קאַדרען די אַנטשיידנדיקע קראַפט פון דער פּאַרטיי־שער און מעלוכישער אָנפירונג. האָבן אַ ריכטיקע פּאָליטישע ליניע, — דאָס איז, פאַרשטייט זיך, די ערשטע און סאַמע וויכטיקע זאַך. אָבער דאָס איז דאָך ניט גענוג. אַ ריכטיקע פּאָליטישע ליניע איז נייטיק ניט צוליב דעקלאַראַציע, נאָר אַף דורכצופירן אין לעבן. קעדיי אָבער צו פאַרקערפּערן אין לעבן די ריכטיקע פּאָליטישע ליניע, דאַרף מען האָבן קאַדרען, דאַרף מען האָבן מענטשן, וואָס פאַרשטייען די פּאָליטישע ליניע פון דער פּאַרטיי, וואָס נעמען זי אויף, ווי זייער אייגענע ליניע, וואָס זײַנען גרייט זי דורכצופירן אין לעבן, וואָס קאָנען פאַרווירקלעכן זי אין דער פּראַקטיק און וואָס זײַנען פייִק צו זײַן פאַראַנטוואָרטלעכ

פאר איר, פארטײדיקנ זי, קעמפנ פאר איר. אָנ דעמ ריזיקירט די ריכטיקע פּאָליטישע ליניע צו בלײַבנ אפנ פּאפּיר.

גראדע דאָ שטעלט זיכ טאקע די פראגע װעגנ ריכטיקנ צוקלײַבנ קאדרענ, װעגנ אויסכאָװענ קאדרענ, װעגנ ארויסרוקנ נײַע מענטשנ, װעגנ פאנאנדערשטעלנ ריכטיק די קאדרענ, װעגנ קאָנטראָלירנ זײ לויט דער אָפּגעטאָנענער ארבעט.

װאָס הײסט ריכטיק צוקלײַבנ קאדרענ?

ריכטיק צוקלײַבנ קאדרענ, דאָס הײסט נאָכ ניט אָנקלײַבנ צו זיכ פארטרעטערס אונ געהילפנ, צונויפשטעלנ א קאנצעליאריע אונ ארויסלאָזנ פונ דאָרט פארשײדענע אָנװײַזונגענ. (ג ע ל ע כ ט ע ר.) דאָס הײסט ניט אויכ מיסברויכנ מיט דער מאכט, אריבערװארפנ אָנ א טאָלק צענדליקער אונ הונדערטער מענטשנ פונ אײנ אָרט אינ אנ אנדערנ אונ צוריק אונ מאכנ אומענדלעכע „רעאָרגאניזאציעס". (ג ע ל ע כ ט ע ר.)

ריכטיק צוקלײַבנ קאדרענ באטײַט:

ערשטנס, שעצנ די קאדרענ, אלס דעמ גאָלדענעמ פאָנד פונ דער פארטײ אונ פונ דער מעלוכע, האלטנ זײ טײַער, האָבנ צו זײ אכטונג.

צװײטנס, קענענ די קאדרענ, זאָרגזאמ דערלערנענ די מײַלעמ אונ כעסרוינעמ פונ יעדנ קאדראָװונ טוער, װיסנ אפ װאָס פאר א פּאָסטנ עמ קאָנענ גרינגער פאר אלצ זיכ פאנאנדערװיקלענ די פײיִקײַטנ פונ געמ טוער.

דריטנס, זאָרגעװודיק כאָװענ די קאדרענ, העלפנ יעדנ װאקסנדיקנ טוער אופהײבנ זיכ ארופ, ניט זשאלעװענ קײנ צײַט צוליב דעמ, קעדײ געדולדיק „זיכ אנ איסעק טאָנ" מיט אזעלכע טוער אונ פארשנעלערנ זײער װוקס.

פערטנס, צו דער צײַט אונ דרײסט ארויסרוקנ נײַע, יונגע קאדרענ, ניט לאָזנדיק זײ איבערגעשטאנענ װערנ אפנ אלטנ אָרט, ניט לאָזנדיק זײ פארזײַערט װערנ.

פינפטנס, פאנאנדערשטעלנ די טוער אפ די פּאָסטנס אפ אזא אויפנ, אז יעדער טוער זאָל זיכ פילנ אפנ אָרט, אז יעדער טוער זאָל קאָנענ געבנ אונדזער אלגעמײנער זאכ דעמ מאקסימומ דערפונ, װאָס ער איז בכױלעס פײיִק צו געבנ לויט זײַנע פערזענלעכע אײגנשאפטנ, אז די אלגעמײנע ריכטונג פונ דער ארבעט באמ פאנאנדערשטעלנ די קאדרענ זאָל פולשטענדיק אנטשפּרעכנ די פאָדערונגענ פונ דער פּאָליטישער ליניע, אינ נאָמענ פונ װעלכער עס װערט געמאכט די דאָזיקע פאנאנדערשטעלונג.

א באזונדערע באדײַטונג האָט דאָ די פראגע װעגנ דרײסטנ אונ באצײַטיקנ ארויסרוקנ נײַע, יונגע קאדרענ. איכ מײנ, אז בא אונדזערע מענטשנ איז נאָכ ניטאָ קײנ פולע קלאָרקײַט אינ דער דאָזיקער פראגע. אײנע האלטנ, אז באמ צוקלײַבנ מענטשנ דארפ מענ זיכ אָריענטירנ, דעריקער, אפ די אלטע קאדרענ. אנדערע, פארקערט, מײנענ צו

אָריִענטירן זיך, דעריקער, אפ די יונגע קאדרען. מיר דוכט, אז א טאָ־
עם האָבן אי די אי יענע. די אלטע קאדרען שטעלן פאָר, פארשטייט
זיך, א גרויס רייכטום פאר דער פארטיי און דער מעלוכע. בא זיי איז
פאראן דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ בא די יונגע קאדרען — א קאָלאָסאלע
דערפארונג פון אָנפירונג, א מארקסיסטיש־לענינישע פרינציפיעלע פאר־
הארטעוועטקייט, קענטשאפט פון דער זאך, קראפט פון אָריִענטירונג.
נאָר, ערשטנס, איז אלטע קאדרען שטענדיק פאראן ווייניק, ווייניקער,
ווי מע באדארפ, און זיי הייבן שוין אָן טיילווייז ארויסצוגיין פון דער
ריי איבער די נאטירלעכע געזעצן פון דער נאטור. צווייטנס, איז בא
איין טייל פון די אלטע קאדרען שטענדיק פאראן א נייגונג אקשאָ־
נעסדיק צו קוקן אין דער פארגאנגענהייט, בלייבן שטעקן אינעם פאר־
גאנגענעם, בלייבן אינעם אלטן און ניט באמערקן דאָס נייע אין לעבן.
דאָס ווערט אָנגערופן פארלירן דאָס געפיל פונעם נייעם. דאָס איז זיי־
ער אן ערנסטער און געפערלעכער כיסאָרן. וואָס איז שייך די יונגע
קאדרען, איז, פארשטייט זיך, זיי האָבן ניט די דאָזיקע דערפארונג,
פארהארטעוועטקייט, קענטשאפט פון דער זאך און קראפט פון אָריִענ־
טירונג, וואָס עס פארמאָגן די אלטע קאדרען. אָבער, ערשטנס, בילדן
די יונגע קאדרען א קאָלאָסאלע מערהייט, צווייטנס, זיינען זיי יונג, און
זיי דראָעט ניט דערווייל די געפאר ארויסצוגיין פון דער ריי, דריטנס,
איז בא זיי פאראן איבערגענוג דאָס געפיל פונעם נייעם, — א ווערט־
פולע קוואליטעט פון יעדן באָלשעוויסטישן טוער, און פערטנס, וואקסן
זיי און ווערן אויפגעקלערט אפ אזויפיל שנעל, זיי שפארן אפ ארופ
אזוי האסטיק, אז ניט וויים איז די צייט, ווען זיי וועלן דעריאָגן די
אלטע, וועלן זיך שטעלן זייט בא זייט מיט זיי און וועלן ווערן פאר
זיי א ווירדיקער אומבייט. אלזאָ, די אויפגאבע באשטייט ניט דערין,
מע זאָל זיך אָריִענטירן אָדער אפ די אלטע, אָדער אפ די נייע קאד־
רען, נאָר דערין, אז מע זאָל האלטן א קורס אפ א צונויפפאָרונג, אפ
א פאריייניקונג פון די אלטע און די יונגע קאדרען אין איין אלגעמיי־
נעם אָרקעסטער פון דער אָנפירנדיקער ארבעט פון דער פארטיי און
פון דער מעלוכע. (דויערנדיקע אפלאָדיסמענטן.)

אָט פארוואָס עס איז נייטיק רעכטצייטיק און דרייסט ארויסצורוקן
יונגע קאדרען אפ אָנפירנדיקע פאָסטנס.

איינע פון די ערנסטע דערגרייכונגען פון דער פארטיי אינעם בא־
ריכט־פעריִאָד אין דער זאך פון פארפעסטיקן די פארטיי־אָנפירונג בא־
שטייט דערין, וואָס זי האָט מיט דערפאָלג פון אונטן ביז ארופ דורכ־
געפירט טאקע אָט דעם קורס אפ צונויפפאָרן די אלטע און די יונגע
טוער אין געביט פון צוקלייבן קאדרען.

אין צענטראל־קאָמיטעט פון דער פארטיי זיינען פאראן אָנגאבן,
פון וועלכע עס איז צו זען, אז אינעם פארלויפ פונעם באריכט־פעריִאָד
האָט די פארטיי באוויזן ארויסצורוקן אפ אָנפירנדיקע פאָסטנס לויט

דער מעלוכישער און פּאַרטייִשער ליניע העכער 500 טויזנט יונגע באַלשעוויקעס, פּאַרטייִשע און וואָס שליסן זיך אָן אין דער פּאַרטיי, פון זיי העכער 20 פּראָצענט פרויען.

אין וואָס באַשטייט איצט די אויפגאַבע?

די אויפגאַבע באַשטייט דערין, מע זאָל אַריינעמען פולשטענדיק אין איינע הענט די זאַך פון צוקלייבן קאַדרען פון אונטן ביז אַרויף און אויפהייבן זי אויף דער געהעריקער, וויסנשאַפטלעכער, באַלשעוויסטישער הייך.

דערצו איז נייטיק אַ סאָף מאַכן צום צעשפּליטערן די זאַך פון דערלערנען, אַרויסרוקן און צוקלייבן קאַדרען לויט פאַרשיידענע אָפּטיילן און סעקטאָרן, קאָנצענטרירנדיק זי אין איין אָרט.

אַזאַ אָרט דאַרף זיין די פאַרוואַלטונג פון קאַדרען אינעם באַשטאַנד פונעם צק אַלקפּ(ב) און דער אַנטשפּרעכיקער קאַדרען-אָפּטייל אינעם באַשטאַנד פון יעדער רעפּובליקאַנישער, קאַנטישער און געגנטלעכער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

3. די פּאַרטייִשע פּראָפּאַגאַנדע. די מאַרקסיסטיש־לענינישע דערציִונג פון די פּאַרטיי־מיטגלידער און פון די פּאַרטיי־קאַדרען

עס איז פאַראַן נאָך איין געביט פון דער פּאַרטיי-אַרבעט, זייער אַ וויכטיקער און זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכער, לויט דער ליניע פון וועלכן עס איז אין פאַרלויף פונעם באַריכט-פּעריאָד פאַרווירקלעכט געוואָרן די פאַרפעסטיקונג פון דער פּאַרטיי און פון אירע אָנפירנדיקע אָרגאַנען, — דאָס איז די פּאַרטייִשע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, די מינדלעכע און די געדרוקטע, די אַרבעט פון דערציִען די פּאַרטיי-מיטגלידער און פּאַרטיי-קאַדרען אין גייסט פון מאַרקסיזם-לעניניזם, די אַרבעט פון העכערן דעם פּאָליטישן און טעאָרעטישן ניוואָ פון דער פּאַרטיי און פון אירע טוער.

ס'איז אַ סאָפעק, צי מע דאַרף ברייט ריידן וועגן דער העכסט-ערנסטער באַדייטונג פון דער זאַך פון פּאַרטיי-פּראָפּאַגאַנדע, פון דער זאַך פון מאַרקסיסטיש-לענינישער דערציִונג פון אונדזערע טוער. איך האָב אין זינען ניט בלויז די טוער פונעם פּאַרטיי-אַפּאַראַט, איך האָב אין זינען אויך די טוער פון די קאָמיוגישע, פּראָפאַריינישע, האַנדלס-קאָאָפּעראַטיווע, ווירטשאַפטלעכע, סאָוועטישע, אויפקלערערישע, מיליטערישע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס. מע קאָן באַפרידיקנדיק אוועקשטעלן די זאַך פון רעגולירן דעם פּאַרטיי-באַשטאַנד און פון דערנענטערן די אָנפירנדיקע אָרגאַנען צו דער אונטערשטער אַרבעט; מע קאָן באַפרידיקנדיק אוועקשטעלן די זאַך פון אַרויסרוקן קאַדרען, פון צוקלייבן זיי, פאַנאַנדערשטעלן זיי; נאָר אויב בײַ דעם אַלעם הייבט אָן איבער

עפּעס־וואָס צו הינקען אונדזער פּאַרטייִשע פּראָפּאַגאַנדע, אויב עס הייבט אָן צאַנקען די זאַך פון דער מאַרקסיסטיש-לענינישער דערציִונג פון אונדזערע קאַדרען, אויב עס ווערט אָפּגעשוואַכט אונדזער אַרבעט פון העכערן דעם פּאָליטישן און טעאָרעטישן ניוואָ פון די דאָזיקע קאַדרען, און די קאַדרען גופא הערן אויף אין צוזאַמענהאַנג דערמיט צו אינטערעסירן זיך מיט דער פּערספּעקטיוו פון אונדזער באַוועגונג פאָרויס, הערן אויף צו פאַרשטיין די גערעכטיקייט פון אונדזער זאַך און ווערן פאַרוואַנדלט אין פּערספּעקטיוולאָזע געשעפטמאַכער, וואָס פּילן אויס בלינד און מעכאַניש די אָנווייזונגען פון אויבן, — דאַן מוז אומבאַדינגט אײַנגעדאַרט ווערן אונדזער גאַנצע מעלוכישע און פּאַרטייִשע אַרבעט. מע דאַרף אָנערקענען, אַלס אַקסיאָמע, אַז וואָס העכער עס איז דער פּאָליטישער ניוואָ און די מאַרקסיסטיש-לענינישע באַוווּסטזיניקייט פון די טוער פון יעטווידן צווײַג פון דער מעלוכישער און פּאַרטייִשער אַרבעט, אַלץ העכער און פּרוכטבאַרער איז די אַרבעט גופא, אַלץ עפעקטיווער זײַנען די רעזולטאַטן פון דער אַרבעט, און פאַרקערט, — וואָס נידעריקער עס איז דער פּאָליטישער ניוואָ און די מאַרקסיסטיש-לענינישע באַוווּסטזיניקייט פון די טוער, אַלץ וואַרשײַנלעכער זײַנען די גליטשן און די דורכפאַלן אין דער אַרבעט, אַלץ וואַרשײַנלעכער איז די צעדריבלונג און די דעגענערירונג פון די טוער גופא אין קליינלעכע געשעפטמאַכער, אַלץ וואַרשײַנלעכער איז זייער איבערגעבורט. מע קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז, אויב מיר וואָלטן געקענט צוגרייטן אידעאָלאָגיש אונדזערע קאַדרען פון אַלע צווײַגן אַרבעט און פאַרהאַרטעווען זיי פּאָליטיש אין אַזאַ מאָס, אַז זיי זאָלן זיך קאָנען פרײַ אָריענטירן אין דער אינערלעכער און צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע, ווען מיר וואָלטן געקענט מאַכן זיי פאַר אַבסאָליוט רײַפע מאַרקסיסטן-לענינצעס, וואָס זײַנען פייִק צו לייזן אָן ערנסטע פעלערן די פראַגן פון אָנפירן מיטן לאַנד, — וואָלטן מיר געהאַט דעם פולן גרונט צו האַלטן נײַן צענטל פון אַלע אונדזערע פראַגן פאַר שוין געלייזטע. און לייזן די דאָזיקע אויפגאַבע קאָנען מיר אומבאַדינגט, ווײַל מיר האָבן אַלע מיטלען און מעגלעכקייטן, וואָס זײַנען נייטיק אַף צו דערלייזן זי.

דאָס אויסכאָווען און דאָס פאָרמירן די יונגע קאַדרען קומט געוויינלעך בא אונדז פאָר לויט באַזונדערע צווײַגן פון דער וויסנשאַפט און טעכניק, לויט די ספּעציאַליטעטן. דאָס איז נייטיק און צוועקמעסיק. ס'איז ניט קיין מוז, אַז א ספּעציאַליסט א מעדיקער זאָל צוזאַמען דערמיט זײַן א ספּעציאַליסט אַף פיזיק אָדער באָטאַניק און פאַרקערט. כ'איז אָבער פאַראַן איין צווײַג פון דער וויסנשאַפט, וואָס אים קענען דאַרף זײַן אָבליגאַטאָריש פאַר די באָלשעוויקעס פון אַלע וויסנשאַפט-צווײַגן, — דאָס איז די מאַרקסיסטיש-לענינישע וויסנשאַפט וועגן דער געזעלשאַפט, וועגן די געזעצן פון דער אַנטוויקלונג פון דער געזעל-

שאפט, וועגנ די געזעצנ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע, וועגנ די געזעצנ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער סאָציאליסטישער בויונג, וועגנ דעמ זיג פונעמ קאָמוניזמ. ווייל מע קאָנ ניט האלטנ פאר קיינ ווירקלעכנ לענינעצ א מענטשנ, וואָס רופט זיך אָנ לענינעצ, נאָר וואָס האָט זיך איינגעשלאָסנ אינ זיינ ספעציאליטעט, וואָס האָט זיך איינגעשלאָסנ, לאָמיר זאָגנ, אינ מאטעמאטיק, באָטאניק אָדער כימיע אונ וואָס זעט גאָרניט ווייטער פונ זיינ ספעציאליטעט. א לענינעצ קאָנ ניט זיינ בלויז א ספעציאליסט פונעמ וויסנשאפט-צווייג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבנ, — ער דארפ צוזאמענ דערמיט זיינ א פאָליטיקער א געזעלשאפטלעכער טוער, וואָס אינטערעסירט זיך לעבהאפט מיטנ גורל פונ זיינ לאנד, וואָס איז באקאנט מיט די געזעצנ פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, וואָס קענ זיך באנוצנ מיט די דאָזיקע געזעצנ אונ שטרעבט צו זיינ אנ אקטיווער אָנטיילנעמער אינ דער פאָליטישער אָנפירונג מיטנ לאנד. דאָס וועט, פארשטייט זיך, זיינ א צוגאָב-אָנלאָדונג פאר די באָלשעוויקעס די ספעציאליסטנ. דאָס וועט אָבער זיינ אזא מינ אָנלאָדונג, וואָס די רעזולטאטנ אירע וועלנ געדעקט ווערנ מיט רעווע.

די אופגאבע פונ דער פארטייִשער פראָפאגאנדע, די אופגאבע פונ דער מארקסיסטיש-לענינישער דערציִונג פונ די קאדרעס באשטייט דערינ, מע זאָל העלפנ אונדזערע קאדרעס פונ אלע ארבעט-צווייגנ צו באהערשנ די מארקסיסטיש-לענינישע וויסנשאפט וועגנ די געזעצנ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער געזעלשאפט.

די פראגע וועגנ די מיטלענ צו פארבעסערנ די זאך פונ דער פראָפאגאנדע אונ פונ דער מארקסיסטיש-לענינישער דערציִונג פונ די קאדרעס איז געווענ א זאך פונ ניט-איינמאָליקער באהאנדלונג פונעמ צק אלקפ(ב) מיטנ אָנטייל פונ פראָפאגאנדיסטנ פונ פארשיידענע געגנט-לעכע פארטיי-אָרגאניזאציעס. ס'איז דערביי דיסקאָנטירט געוואָרנ דאָס דערשיינענ פונעמ „קורצנ קורס געשיכטע פונ דער אלקפ(ב)” אינ סענטיאבער 1938 יאָר. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אז דאָס דערשיינענ פונעמ „קורצנ קורס געשיכטע פונ דער אלקפ(ב)” מאכט אנ אָנהייב פאר א נייעמ שוווּנג פונ דער מארקסיסטיש-לענינישער פראָפאגאנדע אינ אונדזער לאנד. די רעזולטאטנ פונ די ארבעטנ פונעמ צק אלקפ(ב) זיינענ פארעפנטלעכט געוואָרנ אינ דער באוווּסטער באשטימונג זיינער „וועגנ דער אָוועקשטעלונג פונ דער פארטייִשער פראָפאגאנדע אינ צוזאמענהאנג מיטנ ארויסלאָזנ דעמ קורצנ קורס געשיכטע פונ דער אלקפ(ב)”.

ארויסגייענדיק פונ דער דאָזיקער באשטימונג אונ דיסקאָנטירנדיק די באוווּסטע באשלוסנ פונעמ מארט-פלענומ פונעמ צק אלקפ(ב) אינעמ 1937 י. „וועגנ די כעסרוינעס פונ דער פארטיי-ארבעט”. האָט דער צק אלקפ(ב) אָנגעמערקט פאָלגנדיקע הויפט-מאָסמיטלענ צו באַ-

זײַטיקנ די כעסרוינעס אינ געביט פונ דער פאַרטײַישער פּראָפּאַגאַנדע אונ פאַרבעסערנ די זאכ פונ דער מאַרקסיסטיש-לענינישער דערציִונג פונ די פּאַרטײ-מיטגלידער אונ פונ די פּאַרטײ-קאַדרענ:

1. קאָנצענטרירנ אינ איינ אָרט די זאכ פונ דער פּאַרטײַישער פּראָפּאַגאַנדע אונ אגיטאַציע אונ פאַרייניקנ די אָפּטײלנ פונ פּראָפּאַגאַנדע אונ אגיטאַציע אונ די פּרעסע-אָפּטײלנ אינ אנ איינהײַטלעכער פאַרוואַלטונג פונ פּראָפּאַגאַנדע אונ אגיטאַציע אינעם באַשטאַנד פונעמ צק אלקפּ(ב), אונ אָרגאַניזירנ אנ אַנטשפּרעכיקנ אָפּטײל פונ פּראָפּאַגאַנדע אונ אגיטאַציע אינעם באַשטאַנד פונ יעדער רעפּובליקאַנישער, קאַנטישער אונ געגנטלעכער פּאַרטײ-אָרגאַניזאַציע;

2. אָנערקענענדיק פאַר ניט-ריכטיק דאָס פאַרכאַפּט זײַנ מיט דער קרײַזל-סיסטעמ פונ פּראָפּאַגאַנדע אונ האַלטנדיק פאַר א מער צוועקמעסיקנ דעמ מעטאָד פונ אינדיווידועלנ דערלערנענ דורכ די פּאַרטײ-מיטגלידער די יעסוידעס פונעמ מאַרקסיזמ-לעניניזמ, קאָנצענטרירנ די אויפמערקזאַמקײַט פונ דער פּאַרטײ אַפּ דער פּראָפּאַגאַנדע אינ דער פּרעסע אונ אָרגאַניזירנ די לעקציעס-סיסטעמ פונ פּראָפּאַגאַנדע;

3. אָרגאַניזירנ אינ יעדנ געגנטלעכנ צענטער יאָריקע איבערגרײטונגס-קורסנ פאַר דעמ אונטערשטנ רינג פונ אונדזערע קאַדרענ;

4. אָרגאַניזירנ אינ א רײ צענטערס פונ אונדזער לאַנד א צווײיאָריקע לענינישע שול פאַר דעמ מיטעלנ רינג פונ אונדזערע קאַדרענ;

5. אָרגאַניזירנ א הויכשול פונ מאַרקסיזמ-לעניניזמ באַמ צק אלקפּ(ב) מיט א דרײַיאָריקנ קורס פאַר צוגרײטנ קוואַליפיצירטע טעאָרעטישע קאַדרענ פונ דער פּאַרטײ;

6. שאַפנ אינ א רײ צענטערס פונ אונדזער לאַנד יאָריקע קורסנ אַפּ איבערגרײטנ פּראָפּאַגאַנדיסטנ אונ צײַטונגס-טוער;

7. שאַפנ באַ דער הויכשול פונ מאַרקסיזמ-לעניניזמ זעקסכאָדשימדיקע קורסנ אַפּ איבערגרײטנ לערער פונ מאַרקסיזמ-לעניניזמ אינ די הויכשולנ.

קײנ צווײפל ניט, אַז די פאַרווירקלעכונג פונ די דאָזיקע מאָסמיטלענ, וואָס ווערנ שוינ דורכגעפירט, נאָר וואָס זײַנענ נאָכ ניט דורכגעפירט אינ א גענוגנדיקער מאָס, וועט ניט פאַרזאַמענ צו געבנ אירע גינסטיקע רעזולטאַטנ.

4. אײניקע פראַגנ פונ טעאָריע

צו דער צאָל כעסרוינעס פונ אונדזער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אונ אידעאָלאָגישער אַרבעט דאַרפ מענ צורעכענענ אויכ די אָפּוועזנהײַט פונ פולער קלאָרקײַט צווישנ אונדזערע כאַווײרימ אינ אײניקע פראַגנ פונ טעאָריע, וואָס האָבנ אנ ערנסטע פּראַקטישע באַדײַטונג, די אָנ-

װעזנהײַט פֿון א געװיסן מישמאַש אין די דאָזיקע פֿראַגן. איך האָב אין זינען די פֿראַגע װעגן מעלוכע בכלל, באַזונדערס װעגן אונדזער סאָציאַליסטישער מעלוכע און די פֿראַגע װעגן אונדזער סאָװעטישער אינטעליגענץ.

טײלמאָל פֿרעגט מען: „די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן זײַנען בײַ אונדז פֿאַרניכטעט, קײן פֿײַנטלעכע קלאַסן זײַנען מער ניטאָ אין לאַנד, אונטערדריקן איז ניטאָ װעמען, הײסט עס, ס'איז ניטאָ מער קײן נױטװענדיקײַט אין דער מעלוכע, זי דאַרף אָפּשטאַרבן, — פֿאַרװאָס זשע װירקן מיר ניט מיט דער אָפּשטאַרבונג פֿון אונדזער סאָציאַליסטישער מעלוכע, פֿאַרװאָס שטאַרען מיר זיך ניט מאַכן צו איר א סאָף, צי איז ניט צײַט אַרױסצושלײַדערן אָפּ דעם גאַנצן כלאַם פֿון מעלוכישקײַט?"

אָדער נאָך: „די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן זײַנען שױן פֿאַרניכטעט בײַ אונדז, דער סאָציאַליזם איז אין גרונט אױסגעבױט. מיר גײען צום קאָמוניזם, און די מאַרקסיסטישע לערע װעגן מעלוכע זאָגט, אַז בײַם קאָמוניזם דאַרף ניט זײַן קײן שום מעלוכע, — פֿאַרװאָס װירקן מיר ניט מיט דער אָפּשטאַרבונג פֿון אונדזער סאָציאַליסטישער מעלוכע, צי איז ניט צײַט אַװעקצוגעבן די מעלוכע אין א מוזײ פֿון אַלטערטימלעכקײַטן?"

די דאָזיקע פֿראַגן זאָגן אײדעס װעגן דעם, אַז די אױטאָרן זײערע האָבן געװיסנהאַפֿט אײַנגעכאַזערט באַזונדערע האַנאָכעס פֿון מאַרקס' און ענגעלסעס לערע װעגן מעלוכע. זײ רײדן אָבער אױך װעגן דעם, אַז די דאָזיקע כאַװײרים האָבן ניט פֿאַרשטאַנען דעם טאָך פֿון דער דאָזיקער לערע, האָבן זיך ניט פֿאַנאַנדערגעקליבן אין װאָס פֿאַר א היסטאָרישע באַדינגונגען עס זײַנען אױסגעאַרבעט געװאָרן באַזונדערע האַנאָכעס פֿון דער דאָזיקער לערע און האָבן, באַזונדערס, ניט פֿאַרשטאַנען די הײַנטצײַטיקע צװישנפֿעלקערלעכע סיטואַציע, האָבן פֿאַרזען דעם פֿאַקט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג און פֿון די געפֿאַרן, װאָס דרינגען פֿון איר אַרױס פֿאַרן לאַנד פֿון סאָציאַליזם. אין די דאָזיקע פֿראַגן פֿילט זיך ניט נאָר א ניט־דערשאַצונג פֿונעם פֿאַקט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג. עס פֿילט זיך אין זײ אױך א ניט־דערשאַצונג פֿון דער ראָליע און באַדײַטונג פֿון די בורזשואַזע מעלוכעס און פֿון זײערע אָרגאַנען, װאָס שיקן אַרײַן אין אונדזער לאַנד שפּיאָנען, מערדער און שעדיקער און װאָס שטאַרען זיך פּאַקן די מינוט פֿאַר א קריגס־אָנפֿאַל אױף אים, פּונקט װי עס פֿילט זיך די ניט־דערשאַצונג פֿון דער ראָליע און באַדײַטונג פֿון אונדזער סאָציאַליסטישער מעלוכע און אירע מיליטערישע אָרגאַנען, שטראָף־ און אױסשפּיר־אָרגאַנען, װאָס זײַנען נײטיק, קעדײ דאָס לאַנד פֿון סאָציאַליזם צו באַשיצן פֿון אן אָנפֿאַל פֿון אױסן. מע דאַרף אָנערקענען, אַז מיט דער דאָזיקער ניט־דערשאַצונג זינדיקן ניט נאָר די אױבן דערמאָנטע כאַװײרים. מיט איר זינדיקן אױך אין א געװיסער מאָס מיר אַלע,

באַלשעוויקעס, אַלע אָנ אויסנאַמ. איז עס דענ קיינ כידעש ניט, וואָס וועגנ דער שפּיאָנישער אונ פאַרשווערערישער טעטיקייט פונעמ אויבערקעפּל פונ די טראָצקיסטנ אונ בוכאַרינצעס האָבנ מיר זיכ דערוווּסט ערשט די לעצטע צײַט, אינ די יאָרנ 1937—1938, האַגאַמ, ווי עס איז צו זענ פונ די מאַטעריאַלנ, זײַנענ די דאָזיקע הערנ געווענ שפּיאָנענ פונ דער אויסלענדישער אויסשפּירונג אונ האָבנ געפירט אַ פאַרשווערונגס־טעטיקייט שוינ אינ די ערשטע טעג פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע? ווי האָבנ מיר געקאָנט פאַרזענ די דאָזיקע ערנסטע זאַכ? מיט וואָס איז צו דערקלערנ אַזאַ פאַרזענ? געוויינלעכ ענטפערט מענ אַפ דער דאָזיקער פראַגע אַפ אַזאַ אופנ: מיר האָבנ זיכ ניט געקאָנט מעשאַער זײַנ, אַז די דאָזיקע מענטשנ קאָנענ פאַלנ אַזוי נידעריק. אָבער דאָס איז קיינ דערקלערונג ניט אונ אַוואַדע ניט קיינ פאַרענטפערונג, ווײַל דער פאַקט פונעמ פאַרזענ בלײַבט אַ פאַקט. מיט וואָס איז צו דערקלערנ אַזאַ פאַרזענ? דער דאָזיקער פאַרזענ דערקלערט זיכ מיטנ ניט־דערשאַצנ די קויכעס אונ די באַדײַטונג פונעמ מעכאַניזמ פונ די בורזשואַזע מעלוכעס, וואָס רינגלענ אונדז אַרומ, אונ פונ זייערע אויכשפּיר־אָרגאַנענ, וואָס שטאַרענ זיכ אויסצונוצנ די שוואַכקייט פונ מענטשנ, זייער רומ־גײַציקייט, זייער כאַראַקטערלאָזיקייט, קעדיי צו פאַרפּלאָנטערנ זיי אינ זייערע שפּיאָנישע נעצנ אונ אַרומרינגלענ מיט זיי די אָרגאַנענ פונ דער סאָוועטישער מעלוכע. ער דערקלערט זיכ מיטנ ניט־דערשאַצנ די ראָליע אונ די באַדײַטונג פונעמ מעכאַניזמ פונ אונדזער סאָציאַליסטישער מעלוכע אונ פונ איר אויסשפּירונג, מיטנ ניט־דערשאַצנ די דאָזיקע אויסשפּירונג, מיט דער פּלוידערײַ וועגנ דעמ, אַז די אויסשפּירונג באַ דער סאָוועטישער מעלוכע — דאָס איז אַ קלייניקייט, אַ פּוסטע זאַכ, אַז די סאָוועטישע אויסשפּירונג, ווי אויכ די סאָוועטישע מעלוכע גופע, וועט אינגיכנ אויסקומענ אוועקצוגעבנ אינ אַ מוזיי פונ אַלטערטימלעכקייטנ.

אַפ וואָס פאַר אַ באָדנ האָט געקאָנט באַ אונדז אַנטשטיינ די דאָזיקע ניט־דערשאַצונג?

זי איז אַנטשטאַנענ אַפנ באָדנ פונ דער ניט־דעראַרבעטקייט אונ ניט גענוגנדיקייט פונ אייניקע אַלגעמיינע האַנאָכעס פונ דער לערע פונעמ מאַרקסיזמ וועגנ מעלוכע. זי האָט באַקומענ אַ פאַרשפּרייטונג מאַכמעס אונדזער אומדערלויבט־זאָרגלאָזיקער באַציִונג צו די פראַגנ פונ טעאָריע פונ מעלוכע, ניט געקוקט דערופ, וואָס מיר פאַרמאָגנ אַ פּראַקטישע דערפאַרונג פונ צוואַנציקיאָריקער מעלוכישער טעטיקייט, וועלכע גיט רײַכנ מאַטעריאַל פאַר טעאָרעטישע פאַראַלגעמיינערונגענ, ניט געקוקט דערופ, וואָס מיר האָבנ אַ מעגלעכקייט, ווענ ס'איז דאָ אַ ווילנ, מיט דערפאָלג צו פאַרפילנ דעמ דאָזיקנ טעאָרעטישנ בלויז. מיר האָבנ פאַרגעסנ לענינס וויכטיקסטע אָנווײַזונג וועגנ די טעאָרעטישע פליכטנ פונ די רוסישע מאַרקסיסטנ, וואָס זײַנענ באַרופנ פאַנאַנדער־

צוארבעטנ ווייטער די טעאָריע פונעם מארקסיזם. אָט וואָס לענינ זאָגט מיקויענ דעם:

„מיר קוקנ קלאל ניט אפ מארקס' טעאָריע, ווי אפ עטוואָס א פארענדיקטס אונ אומבארירלעכס; מיר זיינענ איבערציינגט, פאַרקערט, אז זי האָט געלייגט בלויז די ווינקל-שטיינער פונ יענער ווינשאפט, וואָס די סאָציאַליסטנ דארפנ זי באוועגנ ווייטער אינ אלע ריכטונגענ, אויב זיי ווילנ ניט אָפשטיינ פונעם לעבנ. מיר מיינענ, אז פאר די רוסישע סאָציאַליסטנ איז באזונדערס נייטיק א זעלבשטענדיקע פאנאנדערארבעטונג פונ מארקס' טעאָריע, ווייל די דאָזיקע טעאָריע גיט בלויז אלגעמיינע אָנפירנדיקע האנאָכעס, וואָס ווערנ אָנגעווענדט אינ פראט צו ענגלאנד אנדערש, ווי צו פראנקרייכ, צו פראנקרייכ אנדערש, ווי צו דייטשלאנד, צו דייטשלאנד אנדערש, ווי צו רוסלאנד" (לענינ, ב. II, ז. 492).

מע זאָל נעמענ, צומ ביישפיל, די קלאסישע פאָרמול פונ דער טעאָריע פונ אנטוויקלונג פונ דער סאָציאַליסטישער מעלוכע, וואָס עס האָט געגעבנ ענגעלס:

„ווענ עס וועלנ ניט זיינ קיינ געזעלשאפטלעכע קלאסנ, וועלכע מע דארפ האלטנ אינ אונטערטעניקייט, ווענ עס וועט ניט זיינ קיינ הערשאפט פונ איינ קלאס איבערנ אנדערנ אונ קיינ קאמפ פאר עקזיסטענצ, וועלכער איז פארוואָרצלט אינ דער היינטצייטיקער אנארכיע פונ דער פראָדוקציע, ווענ עס וועלנ באזייטיקט ווערנ די צוזאמענשטויסנ אונ גוואלדטאטנ, וועלכע דרינגענ דערפונ ארויס, דאנ וועט שוינ ניט זיינ וועמענ צו אונטערדריקנ אונ איינצוצוימענ, דאנ וועט פארשווינדנ ווערנ די נויטווענדיקייט אינ מעלוכע-מאכט, וואָס פילט איצט אויס די דאָזיקע פונקציע. דער ערשטער אקט, אינ וועלכנ די מעלוכע וועט ארויסטרעטנ אלס ווירקלעכער פאָרשטייער פונ דער גאנצער געזעלשאפט — די פארוואנדלונג פונ די פראָדוציר-מיטלענ אינ געזעלשאפטלעכ אייגנטום, — וועט זיינ די לעצטע זעלבשטענדיקע אקציע אירע אלס מעלוכע. די אריינמישונג פונ דער מעלוכע-מאכט אינ די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ וועט ביסלעכווייז ווערנ איבעריק אונ וועט זיכ אָפשטעלנ אליינ פונ זיכ. אָנשטאָט דער פארוואלטונג מיט פערזאָנענ קומט די פארוואלטונג מיט זאכנ אונ די אָנפירונג מיט די פראָדוציר-פראָצעסנ. די מעלוכע ווערט ניט „אָפגעשאפט", זי שטארבט אָפ" (פ. ענגעלס, „אנטידיורינג", 1933 י., אויסגאבע פונ פארטיזדאט, ז. 202).

צי איז ריכטיק די דאָזיקע האנאָכע ענגעלסעס?

יאָ, ריכטיק, נאָר בא איינעם פונ די צוויי באדינגונגענ: א) אויב מע זאָל פירנ די דערלערנונג פונ דער סאָציאַליסטישער מעלוכע פונ שטאנדפונקט בלויז פונ דער אינערלעכער אנטוויקלונג פונעם לאנד,

לעכאַטבילע אַבסטראַגירנדיק זיך פון דעם צווישנפעלקערלעכן פאַק־
טאָר, איזאָלירנדיק דאָס לאַנד און די מעלוכע, צוליב באַקוועמלעכקייט
פון אויספאָרשונג, פון דער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע, אָדער
ב) אויב מע זאָל דערלאָזן, אַז דער סאָציאַליזם האָט שוין געזיגט אין
אַלע לענדער אָדער אין דער מערהייט לענדער, אָנשטאָט דער קאַפּי־
טאַליסטישער אַרומרינגלונג איז דאָ אַן אַרומרינגלונג אַ סאָציאַליס־
טישע, ס'איז ניטאָ מער קיין געפאַר פון אַן אָנפאַל פון אויסן,
ס'איז ניטאָ מער קיין נויט צו פאַרשטאַרקן די אַרמיי און די
מעלוכע.

נו, און אויב דער סאָציאַליזם האָט געזיגט בלויז אין איין, באַזונ־
דער גענומענעם לאַנד, און, מאַכמעס דעם, איז אַבסטראַגירן זיך פון די
צווישנפעלקערלעכע באַדינגונגען בעשומויפן ניט מעגלעך, — ווי אַזוי
טוט מען אין דעם דאָזיקן פאַל? אויף דער דאָזיקער פראַגע גיט ניט
ענגעלסעס פאָרמול קיין ענטפער. ענגעלס, אייגנטלעך, שטעלט גאָר
ניט פאַר זיך אַזאַ פראַגע, הייסט עס, בא אים האָט ניט געקאָנט זיין
קיין ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע. ענגעלס גייט אַרויס פון דער
האַשאָרע, אַז דער סאָציאַליזם האָט שוין געזיגט מער אָדער ווייניקער
גלייכצייטיק אין אַלע לענדער אָדער אין אַ מערהייט לענדער. הייסט
עס, ענגעלס פאָרשט דאָ אויס ניט די אָדער יענע קאָנקרעטע סאָציאַ־
ליסטישע מעלוכע פון דעם אָדער יענעם באַזונדערן לאַנד, נאָר די
אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער מעלוכע ביכלאַל, דערלאָזנדיק
דעם פאַקט פון אַ זיג פונעם סאָציאַליזם אין אַ מערהייט לענדער —
לויט דער פאָרמול: „לאָמיר דערלאָזן, אַז דער סאָציאַליזם האָט געזיגט
אין אַ מערהייט לענדער, פרעגט זיך — וואָס פאַר אַן ענדערונגען
דאַרף דורכמאַכן אין דעם דאָזיקן פאַל די פּראָלעטאַרישע, סאָציאַליס־
טישע מעלוכע". בלויז מיט אָט דעם אַלגעמיינעם און אַבסטראַקטן כאַ־
ראַקטער פון דער פּראָבלעם קאָן מען דערקלערן דעם פאַקט, וואָס
באַם אויספאָרשן די פראַגע וועגן דער סאָציאַליסטישער מעלוכע אַב־
סטראַגירט זיך ענגעלס אַבסאָלוט פון אַזאַ פאַקטאָר, ווי די צווישנ־
פעלקערלעכע באַדינגונגען, די צווישנפעלקערלעכע סיטואַציע.

דערפון אָבער דרינגט, אַז מע קאָן ניט פאַרשפּרייטן ענגעלסעס
אַלגעמיינע פאָרמול וועגן דעם גורל פון דער סאָציאַליסטישער מע־
לוכע ביכלאַל אויף אַ פּריוואַטן און קאָנקרעטן פאַל פונעם זיג פונעם
סאָציאַליזם אין איין, באַזונדער גענומענעם לאַנד, וואָס האָט אַרום זיך
אַ קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג, וואָס שטייט אונטער דער געפאַר
פון אַ קריגס־אָנפאַל פון אויסן, וואָס קאָן ניט מאַכמעס דעם אַבסטראַ־
גירן זיך פון דער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע און וואָס דאַרף האָבן
אין זיין רעשות אי אַ גוט געשולטע אַרמיי, אי גוט אָרגאַניזירטע
שטראָף־אָרגאַנען, אי אַ פעסטע אויסשפּירונג, אַלזאָ, עס דאַרף האָבן
זיינע אַ גענוג שטאַרקע מעלוכע, — צוליב דעם, קעדיי האָבן די מעג־

לעכקײַט די דעראָבערונגענ פונעם סאָציאליזם צו פארטיידיקנ פונ אנ אָנפאל פונ אויסנ.

מע טאָר ניט פאָדערנ פונ די קלאסיקער פונעם מארקסיזם, וואָס זײַנענ אָפגעטיילט פונ אונדזער צײַט מיט א פעריאָד פונ 45—55 יאָר, אז זיי זאָלנ האָבנ פאָרויסגעזענ אלע אונ אלערליי פאלנ פונ די געשיכטע-זיגזאגנ אינ יעדנ באזונדערנ לאנד אינ דער ווײַטער צוקונפט. עס וואָלט געווענ לעכערלעכ צו פאָדערנ, אז די קלאסיקער פונעם מארקסיזם זאָלנ האָבנ פאר אונדז אויסגעארבעט פארטיקע לייזונגענ פאר אלע אונ אלערליי טעאָרעטישע פראגנ, וואָס קאָנענ אנטשטיינ אינ יעטווידנ באזונדערנ לאנד אינ 50—100 יאָר ארום, קעדיי מיר, די קינדס-קינדער פונ די קלאסיקער פונעם מארקסיזם, זאָלנ האָבנ די מעגלעכקײַט רויִק ליגנ אפנ אויוונ אונ קײַענ פארטיקע לייזונגענ. (אלגעמיינער געלעכטער.) מיר קאָנענ אָבער אונ מיר דארפנ פאָדערנ פונ די מארקסיסטנ-לענינצעס פונ אונדזער צײַט, אז זיי זאָלנ זיכ ניט באגרענעצנ מיט אײַנכאזערנ באזונדערע אלגעמיינע האנאָכעס פונעם מארקסיזם, אז זיי זאָלנ ארײַנדרינגענ אינעם טאָכ פונעם מארקסיזם, אז זיי זאָלנ זיכ אויסלערנענ דיסקאָנטירנ די דערפארונג פונ דער צוואנציקיאָריקער עקזיסטענצ פונ דער סאָציאליסטישער מעלוכע אינ אונדזער לאנד, אז זיי זאָלנ זיכ אויסלערנענ, ענדלעכ, שטיצנדיק זיכ אפ דער דאָזיקער דערפארונג אונ ארויסגייענדיק פונעם טאָכ פונעם מארקסיזם, קאָנקרעטיזירנ באזונדערע אלגעמיינע האנאָכעס פונעם מארקסיזם, פארפינקטלעכנ אונ פארבעסערנ זיי. לענינ האָט אָנגעשריבנ זײַנ בארימטנ בוכ „מעלוכע אונ רעוואָליוציע“ אינ אווגוסט 1917 יאָר, דה. מיט עטלעכע כאָדאָשימ פאר דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע אונ דער שאפונג פונ דער סאָוועטישער מעלוכע. די הויפט-אויפגאבע פונ דעמ דאָזיקנ בוכ האָט לענינ געזענ אינ באשיצנ פונ פארקריפלונג אונ באנאליזירונג מיצאד די אָפאָרטוניסטנ מארקס' אונ ענגעלסעס לערע וועגנ מעלוכע. לענינ האָט זיכ געקליבנ אָנשרײַבנ א צווייטנ טייל „מעלוכע אונ רעוואָליוציע“, ווו ער האָט גערעכנט אונטערצופירנ די הויפט-סאכאקלענ פונ דער דערפארונג פונ די רוסישע רעוואָליוציעס פונ 1905-טנ אונ 1917-טנ יאָר. עס קאָנ קיינ צווייפל ניט זײַנ, אז לענינ האָט געהאט אינ זינענ אינעמ צווייטנ טייל פונ זײַנ בוכ פאנאנדערצוארבעטנ אונ אנטוויקלענ ווײַטער די טעאָריע פונ מעלוכע, שטיצנדיק זיכ אפ דער דערפארונג פונ דער עקזיסטענצ פונ דער ראטנמאכט אינ אונדזער לאנד. אָבער דער טויט האָט אימ געשטערט אויסצופילנ די דאָזיקע אויפגאבע. נאָר דאָס, וואָס עס האָט ניט באוויזנ צו טאָנ לענינ, דארפנ טאָנ זײַנע שילער. (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ.)

די מעלוכע איז אנטשטאנענ אפנ באָדנ פונ דער צעשפאלטונג פונ דער געזעלשאפט אפ פײַנטלעכע קלאסנ, איז אנטשטאנענ צוליב דעמ, קעדיי צו האלטנ אינ צוימ די עקספלואטירטע מערהײַט אינ די אינ-

טערעסן פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער מינדערהייט. די מאַכט-געציי: פון דער מעלוכע האָבן זיך קאָנצענטרירט, דעריקער, אין דער אַר-מיי, אין די שטראָף-אָרגאַנען, אין דער אויספירונג, אין די טורמעס. צוויי גרונט-פונקציעס כאַראַקטעריזירן די טעטיקייט פון דער מעלו-כע: די אינערלעכע (די איקערדיקע) — האַלטן די עקספּלואַטירטע מער-הייט אין צוים און די אויסערלעכע (די ניט-איקערדיקע) — פאַרברייטערן די טעריטאָריע פונעם אייגענעם, הערשנדיקן קלאַס אָפּן כעזשבן פון דער טעריטאָריע פון אַנדערע מעלוכעס, אָדער די טעריטאָריע פון דער אייגענער מעלוכע באַשיצן פון אָנפאַלן מיצאַד אַנדערע מעלוכעס. אַזוי איז עס געווען בא דער שקלאַפן-באַזיצערישער אָרדענונג און באַם פעאָדאַליזם. אַזוי איז עס באַם קאַפּיטאַליזם.

קעדיי אָראָפּצוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם, איז נייטיק געווען ניט בלויז אַראָפּנעמען פון דער מאַכט די בורזשואַזיע, ניט בלויז עקספּראָ-פּריִרן די קאַפּיטאַליסטן, נאָר אויך אינגאַנצן צעקלאַפּן די מעלוכע-מאַשין פון דער בורזשואַזיע, איר אַלטע אַרמיי, איר ביוראָקראַ-טיש באַאַמטנטום, איר פּאָליציי, און אוועקשטעלן אָפּ איר אָרט די נייע פּראָלעטאַרישע מעלוכישקייט, די נייע סאָציִאַליסטישע מעלוכע. די באָלשעוויקעס, ווי באַוווּסט, האָבן טאַקע אַזוי געטאָן. אָבער פון דעם דרינגט קלאָל ניט, אַז בא דער נייער פּראָלעטאַרישער מעלוכע קאָנען ניט אייַנגעהיט ווערן אייניקע פונקציעס פון דער אַלטער מע-לוכע, געענדערטע צוגעפּאַסט צו די פּאָדערונגען פון דער פּראָלעטאַ-רישער מעלוכע. נאָך מער דרינגט דערפון ניט, אַז די פאָרמען פון אונדזער סאָציִאַליסטישער מעלוכע דאַרפן בלייבן אומגעענדערט, אַז אַלע אָנפאַנגלעכע פונקציעס פון אונדזער מעלוכע דאַרפן פולשטענדיק אייַנגעהיט ווערן אויך אָפּ ווייַטער. אינדערעמעסן ענדערן זיך די פאָר-מען פון אונדזער מעלוכע און זיי ווען זיך ענדערן אָפּהענגיק פון דער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד און פון דער ענדערונג פון דער אויסערלעכער סיטואַציע.

לענין איז אַבסאָלוט גערעכט, ווען ער זאָגט:

„די פאָרמען פון די בורזשואַזע מעלוכעס זייַנען אויסערסט פאַר-שיידנאַרטיק, אָבער דער טאָך זייערער איז איינער: די אַלע מעלו-כעס זייַנען אַזוי אָדער אַנדערש, אָבער אין לעצטן סאַכאַקל אומבאַ-דינגט א דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע. דער איבערגאַנג פונעם קאַפּיטאַליזם צום קאָמוניזם קאָן ניט, פאַרשטייט זיך, ניט געבן קיין קאָלאָסאַלע שעפע און פאַרשיידנאַרטיקייט פון פּאָלי-טישע פאָרמען, אָבער דער טאָך זייערער וועט דערביי אומפאַר-מיידלעך זיין איינער: די דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט" (לענין, ב. XXI, ז. 393).

זינט דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע איז אונדזער סאָציִאַליסטישע מע-לוכע דורכגעגאַנגען אין איר אַנטוויקלונג צוויי הויפּט-פאַזעס.

די ערשטע פאזע — דאָס איז דער פעריאָד פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע ביז דער ליקווידירונג פונ די עקספּלואטאטאָרישע קלאסנ. די גרונט-אופגאבע פונ דעם דאָזיקנ פעריאָד איז באשטאנענ אינ דערשטיקנ דעם ווידערשטאנד פונ די ארָאָפּגעוואָרפענע קלאסנ, אינ אָרגאניזירנ די באשיצונג פונעם לאנד פונ אנ אָנפאל מיצאד די אינטערווענטנ, אינ אופשטעלנ די אינדוסטריע אונ די לאנדווירטשאפט, אינ צוגרייטנ די באדינגונגענ פאר דער ליקווידירונג פונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ. אינ העסקעם דערמיט האָט אונדזער מעלוכע פארווירקלעכט אינ דעם דאָזיקנ פעריאָד צוויי גרונט-פונקציעס. די ערשטע פונקציע — דערשטיקנ די ארָאָפּגעוואָרפענע קלאסנ אינעווייניק אינ לאנד. דערמיט האָט אונדזער מעלוכע מיטנ אויסערלעכנ אויסזענ דערמאָנט אָנ די פריערדיקע מעלוכעס, וואָס די פונקציע זייערע איז באשטאנענ אינ דערשטיקנ די אומגעהאָרכזאמע, מיט דעם פרינציפּיעלנ אונטערשייד אָבער, וואָס אונדזער מעלוכע האָט דערשטיקט די עקספּלואטאטאָרישע מינדערהייט לעשעם די אינטערעסנ פונ דער ארבעטנדיקער מערהייט, ביים די פריערדיקע מעלוכעס האָבנ דערשטיקט די עקספּלואטירטע מערהייט לעשעם די אינטערעסנ פונ דער עקספּלואטאטאָרישער מינדערהייט. די צווייטע פונקציע — באשיצנ דאָס לאנד פונ אנ אָנפאל פונ אויסנ. דערמיט האָט זי אויכ מיטנ אויסערלעכנ אויסזענ דערמאָנט אָנ די פריערדיקע מעלוכעס, וועלכע האָבנ זיכ אויכ באשעפטיקט מיט באוואָפנטער פארטיידיקונג פונ זייערע לענדער, מיט דעם פרינציפּיעלנ אונטערשייד אָבער, וואָס אונדזער מעלוכע האָט פארטיידיקט פונ אנ אויסערלעכנ אָנפאל די דעראָבערונגענ פונ דער ארבעטנדיקער מערהייט, ביים די פריערדיקע מעלוכעס האָבנ פארטיידיקט אינ אזוינע פאלנ דאָס רייכטומ אונ די פּריווילעגיעס פונ דער עקספּלואטאטאָרישער מינדערהייט. עס איז דאָ געווענ נאָכ א דריטע פונקציע — דאָס איז די ווירטשאפטלעכ-אָרגאניזאטאָרישע אונ קולטור-דערציערישע ארבעט פונ די אָרגאנענ פונ אונדזער מעלוכע, וואָס האָט געהאט איר ציל צו אנטוויקלענ די שפּראָצלינגענ פונ דער נייער, סאָציאליסטישער ווירטשאפט אונ די איבערדערציונג פונ די מענטשנ אינ גייסט פונעם סאָציאליזמ. אָבער אָט די נייע פונקציע האָט ניט באקומענ אינ דעם דאָזיקנ פעריאָד קיינ ערנסטע אנטוויקלונג.

די צווייטע פאזע — דאָס איז דער פעריאָד פונ דער ליקווידירונג פונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ פונ שטאָט אונ דאָרפ ביזנ פולשטענדיקנ זיג פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט-סיסטעמ אונ דעמ אָננעמענ די נייע קאָנסטיטוציע. די גרונט-אופגאבע פונ דעם דאָזיקנ פעריאָד — דאָס איז די אָרגאניזירונג פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט אינעם גאנצנ לאנד אונ די ליקווידירונג פונ די לעצטע רעשטלעכ פונ די קאפּיטאליסטישע עלעמענטנ, די אָרגאניזירונג פונ דער קולטור-רעוואָליוציע, די אָרגאניזירונג פונ א פולשטענדיק היינטצייטי-

קער ארמיי אַפּ צו באַשיצנ דאָס לאַנד. אינ העסקעמ דערמיט האָבנ זיכ אויכ געענדערט די פונקציעס פונ אונדזער סאָציִאַליסטישער מעלוכע. ס'איז אָפּגעפאַלנ—אָפּגעשטאָרבנ די פונקציע פונ מיליטערישער דערשטיקונג אינווייניק אינעמ לאַנד, ווײַל די עקספּלואַטאַציע איז פאַרניכטעט, קיינ עקספּלואַטאָרנ זײַנענ מער ניטאָ אונ עס איז ניטאָ וועמענ צו דערשטיקנ. אַנשטאָט דער פונקציע פונ דערשטיקנ איז אויפגעקומענ בײַ דער מעלוכע די פונקציע פונ אָפּהיטנ פונ גאַנאָווימ אונ רויבער פונעמ פאָלקס-פאַרמעגנ דאָס סאָציִאַליסטישע אייגנטומ. עס איז פולשטענדיק אײַנגעהיט געוואָרנ די פונקציע פונ מיליטערישנ פאַרטיידיקנ דאָס לאַנד פונ אָנפאַלנ פונ אויסנ, אַלזאָ, עס איז אויכ אײַנגעהיט געוואָרנ די רויטע ארמיי, דער יאַמישער קריגס-פלאָט, פונקט ווי אויכ די שטראָפ-אָרגאַנענ אונ די אויסשפּירונג, וואָס זײַנענ נייטיק אַפּ אויסצוכאַפּנ אונ באַשטראָפנ די שפּיאָנענ, מערדער, שעדיקער, וועלכע עס שיקט אַרײַנ אינ אונדזער לאַנד די אויסלענדישע אויסשפּירונג. ס'איז אײַנגעהיט געוואָרנ אונ האָט באַקומענ א פולע אַנטוויקלונג די פונקציע פונ דער ווירטשאַפטלעכ-אָרגאַניזאַטאָרישער אונ קולטור-דערציִערישער אַרבעט פונ די מעלוכע-אָרגאַנענ. איצט באַשטייט די גרונט-אויפגאַבע פונ אונדזער מעלוכע אינווייניק אינעמ לאַנד אינ פרידלעכער ווירטשאַפטלעכ-אָרגאַניזאַטאָרישער אונ קולטור-דערציִערישער אַרבעט. וואָס איז שײַעכ אונדזער ארמיי, די שטראָפ-אָרגאַנענ אונ דער אויסשפּירונג, זײַנענ זיי מיט דער שאַרפ זייערער געווענדט שוינ ניט אינווייניק אינ לאַנד, נאָר אויסער אים, קעגנ די אויסערלעכע סאָנימ.

ווי איר זעט, האָבנ מיר איצט אַנ אַבסאָליוט נײַע, סאָציִאַליסטישע מעלוכע, וואָס אַזאַ איז נאָכ ניט געזענ געוואָרנ אינ דער געשיכטע אונ וואָס לויט איר פאָרמ אונ לויט די פונקציעס אונטערשיידט זי זיכ באַדײַטנדיק פונ דער סאָציִאַליסטישער מעלוכע פונ דער ערשטער פאַזע.

אָבער די אַנטוויקלונג קאָנ זיכ דערויפ ניט אָפּשטעלנ. מיר גייענ ווײַטער, פאָרויס, צומ קאָמוניזמ. צי וועט בײַ אונדז אײַנגעהיט ווערנ די מעלוכע אויכ אינעמ פעריִאָד פונעמ קאָמוניזמ?

יאָ, זי וועט אײַנגעהיט ווערנ, אויב ס'וועט ניט ליקווידירט ווערנ די קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג, אויב ס'וועט ניט פאַרניכטעט ווערנ די געפאַר פונ קריגס-אָנפאַלנ פונ אויסנ. דערבײַ איז פאַרשטענדלעכ, אַז די פאָרמענ פונ אונדזער מעלוכע וועלנ ווידער געענדערט ווערנ אינ העסקעמ מיט דער ענדערונג פונ דער אינערלעכער אונ אויסערלעכער סיטואַציע.

ניינ, זי וועט ניט אײַנגעהיט ווערנ אונ וועט אָפּשטאַרבנ, אויב די קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג וועט ליקווידירט ווערנ, אויב זי וועט פאַרביטנ ווערנ אַפּ אַנ אַרומרינגלונג א סאָציִאַליסטישער.

אזוי האלט די זאכ מיט דער פראגע וועגנ דער סאָציאַליסטישער מעלוכע.

די צווייטע פראגע — דאָס איז די פראגע וועגנ דער סאָוועטישער אינטעליגענצ.

אינ דער דאָזיקער פראגע, פונקט ווי אויכ אינ דער פראגע וועגנ מעלוכע, עקזיסטירט אינ אונדזער פארטיי א געוויסע אומקלאָרקייט, א מישמאש.

ניט געקוקט אפ דער פולער קלאָרקייט פונ דער פאָזיציע פונ דער פארטיי אינ דער פראגע וועגנ דער סאָוועטישער אינטעליגענצ, האָבנ נאָכ אלצ אינ אונדזער פארטיי א פארשפרייטונג אָנשויונגען, וואָס זײַנען פײַנטלעכ צו דער סאָוועטישער אינטעליגענצ און וואָס פאָרנ זיכ ניט מיט דער פאָזיציע פונ דער פארטיי. די טרעגער פונ אָט די ניט־ריכטיקע אָנשויונגענ פראקטיקירנ, ווי באוווּסט, א ביטלדיקע, א פאראכטנדיקע באציִונג צו דער סאָוועטישער אינטעליגענצ, באטראכטנדיק זי ווי א קראפט א פרעמדע און אפילע א פײַנטלעכע דעמ ארבעטער־קלאס און דעמ פויערטומ. עמעס, די אינטעליגענצ האָט אינעמ פעריאָד פונ דער סאָוועטישער אנטוויקלונג באוויזנ צו ענדערנ זיכ ראדיקאל, סײַ לויט איר באשטאנד, סײַ אויכ לויט איר לאגע, דערנעענטערנדיק זיכ מיטנ פאָלק און ערנטלעכ מיטארבעטנדיק מיט אימ, וואָס דערמיט אונטערשיידט זי זיכ פרינציפיעל פונ דער אלטער, בורזשואזער אינטעליגענצ. נאָר די דאָזיקע כאווײרימ, ווײַזט אויס, גייט עס ניט אָנ. זיי האלטנ אלצ אינ איינ פײַפנ אינ דער אלטער דודע, אריבערטראָגנדיק ניט ריכטיק אפ דער סאָוועטישער אינטעליגענצ יענע אָנשויונגענ און באציִונגענ, וואָס האָבנ געהאט זייער גרונט אינ דער אלטער צײַט, ווענ די אינטעליגענצ האָט זיכ געפונענ אפ דינסט בא די פריצימ און קאפיטאליסטנ.

אינ דער אלטער, פאר־רעוואָליוציאָנערער צײַט, אינ די באדינגונגענ פונעמ קאפיטאליזמ איז די אינטעליגענצ באשטאנענ פריִער פאר אלצ פונ מענטשנ פונ די פארמעגלעכע קלאסנ, — פונ אדעליקע, אינדוסטריעלער, סאָכרימ, באלעגופימ אדג. עס זײַנענ געווענ אינ די רייענ פונ דער אינטעליגענצ אויכ אזוינע, וואָס קומענ ארויס פונ מעשטשאנעס, פונ קליינע באאמטע און אפילע פונ פויערימ און ארבעטער, אָבער זיי האָבנ ניט געשפילט און האָבנ ניט געקאָנט שפילנ דאָרט קיינ אנטשיידנדיקע ראָליע. די אינטעליגענצ אינגאנצנ גענומענ האָט זיכ געשפײַזט בא די פארמעגלעכע קלאסנ און זיי באדינט. דעריבער איז פארשטענדלעכ יענער אומצוטרוי, וואָס פלעגט ניט־זעלטנ אריבערגיינ אינ האס, וועלכנ די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטנ פונ אונדזער לאנד און פריִער פאר אלצ די ארבעטער האָבנ צו איר געפילט. עמעס, די אלטע אינטעליגענצ האָט געגעבנ באזונדערע יעכידימ און צענדליקער דרייסטע און רעוואָליוציאָנערע מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ געשטעלט אפנ שטאנד־

פונקט פונעמ ארבעטער-קלאס אונ האָבנ ביזנ סאָפ פארבונדנ זייער גורל מיטנ גורל פונעמ ארבעטער-קלאס. אָבער אזוינע מענטשנ צווישנ דער אינטעליגענצ איז געווענ צו ווייניק, אונ זיי האָבנ ניט געקאָנט ענדערנ די פיזיאָנאָמיע פונ דער אינטעליגענצ אינגאנצנ גענומענ.

די זאכ מיט דער אינטעליגענצ האָט זיכ געענדערט, אָבער, ראדיקאל נאָכ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע, נאָכ דער צעגראָמירונג פונ דער אויסלענדישער קריגס-אינטערווענציע, באזונדערס נאָכנ זיג פונ דער אינדוסטריאליזאציע אונ קאָלעקטיוויזאציע, ווענ די פארניכטונג פונ דער עקספלואטאציע אונ די באפעסטיקונג פונ דער סאָציאליסטישער ווירטשאפט-סיסטעמ האָבנ געשאפנ א רעאלע מעגלעכקייט צו געבנ דעמ לאנד אונ דורכצופירנ אינ לעבנ די נייע קאָנסטיטוציע. דער אמערסטנ איינפלוסרייכער אונ קוואליפיצירטער טייל פונ דער אלטער אינטעליגענצ האָט שוינ אינ די ערשטע טעג פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע זיכ אָפגעשפאָלטנ פונ דער איבעריקער מאסע אינטעליגענצ, דערקלערט א קאמפ דער ראטנמאכט אונ געוואָרנ סאבאָטאזשניקעס. ער האָט געקראָגנ דערפאר די פארדינטע שטראָפ, איז צעקלאפט אונ צעזייט געוואָרנ דורכ די אָרגאנענ פונ דער ראטנמאכט. די מערהייט גאנצ געבליבענע פונ זיי האָט שפעטער זיכ פארווערבירט צו די סאָנימ פונ אונדזער לאנד פאר שעדיקער, פאר שפיאָנענ, האָבנדיק דערמיט גופע זיכ אויסגעמעקט פונ די רייענ פונ דער אינטעליגענצ. א צווייטער טייל פונ דער אלטער אינטעליגענצ, א ווייניקער קוואליפיצירטער, נאָר א מער צאָלרייכער, האָט נאָכ לאנג געהאלטנ אינ איינ טאָפטשענ זיכ אפ אנ אָרט, אויסווארטנדיק אפ „בעסערע צייטנ", נאָר דערנאָכ, ווייזט אויס, האָט ער א מאכ געטאָנ מיט דער האנט אונ באשלאָסנ אוועקצוגיינ דינענ, באשלאָסנ איינצולעבנ זיכ מיט דער ראטנמאכט. א גרויסער טייל פונ דער דאָזיקער גרופע אלטער אינטעליגענצ האָט שוינ באוויזנ אלט צו ווערנ אונ הייבט אָנ ארויסגיינ פונ דער ריי. דער דריטער טייל פונ דער אלטער אינטעליגענצ, דעריקער דער דורכשניטלעכער טייל אירער, וואָס האָט געהאט נאָכ ווייניקער קוואליפיקאציע, איידער דער פאָריקער טייל, האָט זיכ פארייניקט צומ פאָלק אונ איז אוועק נאָכ דער ראטנמאכט. ער האָט נייטיק געהאט צוצולערנענ זיכ, אונ ער האָט ווירקלעכ גענומענ זיכ צולערנענ אינ אונדזערע הויכשולנ. אָבער צוגלייכ מיט אָט דעמ פיינפולנ פראָצעס פונ דיפערענציאציע אונ צעברעכונג פונ דער אלטער אינטעליגענצ איז געגאנגענ א שטורמישער פראָצעס פונ פאָרמירנ, מאָביליזירנ אונ זאמלענ די קויכעס פונ דער נייער אינטעליגענצ. הונדערטער טויזנטער יונגע מענטשנ, וואָס שטאמענ פונ די רייענ פונעמ ארבעטער-קלאס, פונעמ פויערטומ, פונ דער ארבעט-אינטעליגענצ זיינענ אוועק אינ די הויכשולנ אונ אינ די טעכניקומענ אונ, אומגעקערט זיכ פונ די שולנ, האָבנ זיי פארפילט די שיטער געוואָרענע רייענ פונ דער אינטעליגענצ. זיי האָבנ

אַרײַנגעגאָסן אין דער אינטעליגענץ נײַ בלוט און זי באַלעבט אַפּ אַ נײַעם אויפן, אַפּ אַ סאָוועטישן. זיי האָבן ראַדיקאַל געענדערט דעם גאַנצן אָנבליק פון דער אינטעליגענץ, לויט זייער אייגענעם אויסזען און געשטאַלט. די רעשטלעך פון דער אַלטער אינטעליגענץ האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס צעגאַנגענע געוואָרענע אין די שפּיִעניש[ן] פון דער נײַער, דער סאָוועטישער, דער פאָלקישער אינטעליגענץ. עס האָט זיך געשאַפן, אַזוי־אַרום, אַ נײַע, אַ סאָוועטישע אינטעליגענץ, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיטן פאָלק און איז גרייט אין דער מאַסע אירער צו דינען אים מיט לײַב און מיט לעבן.

אין סאַכאַקל האָבן מיר איצט אַ צאָלרײַכע, נײַע, אַ פאָלקישע, אַ סאָציִאַליסטישע אינטעליגענץ, וואָס אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל פון דער אַלטער, בורזשואַזער אינטעליגענץ סײַ לויט איר באַשטאַנד, סײַ אויך לויט איר סאָציִאַל־פּאָליטישער געשטאַלט.

צו דער אַלטער פאַר־רעוואָליוציִאָנערער אינטעליגענץ, וואָס האָט געדינט די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטן, האָט פולשטענדיק געפּאַסט די אַלטע טעאָריע וועגן דער אינטעליגענץ, וואָס האָט אָנגעוויזן אַפּ דער נייטיקײַט פון אומצוטרוי צו איר און פון קאַמף קעגן איר. איצט האָט די דאָזיקע טעאָריע אָפּגעלעבט איר צײַט און זי פּאַסט שוין ניט צו אונדזער נײַער, סאָוועטישער אינטעליגענץ. פאַר דער נײַער אינטעליגענץ דאַרף מען אַ נײַע טעאָריע, וואָס ווײַזט אָן אַפּ דער נייטיקײַט פון אַ פרײַנטלעכער באַציִונג צו איר, פון זאָרג וועגן איר, פון אַכטונג צו איר און פון מיטאַרבעט מיט איר לעשעם די אינטערעסן פונעם אַרבעטער־קלאַס און פויערטום.

דוכט זיך, פאַרשטענדלעך.

איז עס טאַקע דעריבער נאָך מער מאָדנע און מעשונעדיק, וואָס נאָך אָט די אַלע ראַדיקאַלע ענדערונגען אין דער לאַגע פון דער אינטעליגענץ זײַנען נאָך באַ אונדז אין דער פּאַרטיי, ווײַזט זיך אַרויס, פאַראַן מענטשן, וואָס פּרוּוון אָנווענדן די אַלטע טעאָריע, וועלכע איז געווענדט קעגן דער בורזשואַזער אינטעליגענץ, צו אונדזער נײַער, סאָוועטישער אינטעליגענץ, וועלכע איז אין גרונט אירן אַ סאָציִאַליסטישע אינטעליגענץ. די דאָזיקע מענטשן, ווײַזט זיך אַרויס, באַהויפּטן, אַז די אַרבעטער און פויערים, וואָס האָבן נאָך מיט אַ קורצער צײַט צוריק געאַרבעט סטאַכאַנאָוויש אין די זאַוואָדן און אין די קאָלווירטן און זײַנען דערנאָך געשיקט געוואָרן אין די הויכשולן אַפּ צו באַקומען בילדונג, אַז זיי הערן אויף דערמיט גופע צו זײַן עכטע מענטשן, זיי ווערן מענטשן פון אַ צווייטן סאָרט. עס באַקומט זיך, אַז בילדונג — דאָס איז אַ שעדלעכע און געפערלעכע זאַך. (געלעכטער.) מיר ווילן מאַכן אַלע אַרבעטער און אַלע פויערים פאַר קולטורעלע און געבילדעטע, און מיר וועלן דאָס מאַכן מיט דער צײַט. נאָר לויטן קוק פון די דאָזיקע מאָדנע כאַווייריִם באַקומט זיך, אַז אַזאַ מין אופטו אַנט־

האלט אינ זיכ א גרויסע געפאר, ווײַל נאָכ דעם, ווי די ארבעטער אונ די פּויערים וועלנ ווערנ קולטורעלע אונ געבילדעטע, קאָנענ זיי זיכ ארויסווײַזנ פאר דער געפאר צו פארעכנט ווערנ אינ דער קאטעגאָריע מענטשנ פונ צווייטנ סאָרט. (אלגעמיינער געלעכטער.) ס'איז ניט אויסגעשלאָסנ, אז מיט דער צײַט קאָנענ זיכ די דאָזיקע מאָדנע כאווײרים דערקײַקלענ ביז צום באזינגענ אָפּגעשטאנענקײַט, אמעראַצעס, פּינצטערניש, אָבסקוראנטיזם. אונ דאָס איז פארשטענדלעכ. טעאָרעטישע אויסגליטשנ האָבנ קיינמאָל ניט געפירט אונ קאָנענ ניט פירנ צו קיינ גוטס.

אזוי האלט עס די זאכ מיט דער פראגע וועגנ אונדזער נײַער, דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענצ.

* * *

אונדזערע אופגאבנ אינ געביט פונ דער ווײַטערדיקער פארפעסטיקונג פונ דער פּארטיי:

1. סיסטעמאטיש פארבעסערנ דעם פּארטיי-באשטאנד, העכערנדיק דעם ניוואָ פונ באוווסטזיניקײַט פונ די פּארטיי-מיטגלידער אונ אָנעמענדיק אינ די רייענ פונ דער פּארטיי אינ אָרדענונג פונ אינדיווידועלנ אָפּקלײַב בלויז כאווײרים דורכגעקאָנטראָלירטע אונ איבערגעגעבענע דער זאכ פונ קאָמוניזם;

2. דערנעענטערנ די אָנפירנדיקע אָרגאנענ צו דער אונטערשטער ארבעט, קעדיי מאכנ זייער אָנפירנדיקע ארבעט פאר אנ אלצ מער אָפּעראטיווער אונ קאָנקרעטער, אנ אלצ ווייניקער זיצונגסמעסיקער אונ קאנצעליארישער;

3. צענטראליזירנ די זאכ פונ צוקלײַבנ קאדרענ, זאָרגעוודיק אויסכאָוונ די קאדרענ, זאָרגזאמ דערלערנענ די מײַלעס אונ כעסרוינעס פונ די טוער, דרייסטער ארויסרוקנ יונגע טוער, צופּאסנ די זאכ פונ צוקלײַבנ אונ פאנאנדערשטעלנ די קאדרענ צו די פאָדערונגענ פונ דער פּאָליטישער ליניע פונ דער פּארטיי;

4. צענטראליזירנ די זאכ פונ דער פּארטייִשער פּראָפּאגאנדע אונ אגיטאציע, פארברייטערנ די פּראָפּאגאנדע פונ די אידייענ פונעמ מארקסיזמ-לעניניזמ, אופהייבנ דעמ טעאָרעטישנ ניוואָ אונ די פּאָליטישע פארהארטעוועטקײַט פונ אונדזערע קאדרענ.

* * *

כאווײרים! איכ ענדיק מײַנ באריכט-פּאָרטראָג.

איכ האָב געשילדערט אינ אלגעמיינע שטריכנ דעמ וועג, וואָס אונדזער פּארטיי האָט דורכגעמאכט אינ פארלויפ פונעמ באריכט-פּעריאָד. די רעזולטאטנ פונ דער ארבעט פונ דער פּארטיי אונ פונ איר צק אינ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד זײַנענ באוווסט. עס זײַנענ בא אונדז געווענ

בלויזנ אונ פּעלערנ. די פּארטיי אונ איר צק האָבנ זיי ניט אויסבאַ־ האלטנ אונ האָבנ זיכ געסטארעט צו פּאריכטנ זיי. עס זײַנעו פּאראַנ אי ערנסטע דערפּאָלגנ אי גרויסע דערגרייכונגענ, וועלכע דארפנ ניט ארויסרופנ בא אונדז קיינ קאָפּ־שווינדל.

דער הויפּט־סאכאקל באשטייט דערינ, וואָס דער ארבעטער־קלאס פונ אונדזער לאנד, האָבנדיק פארניכטעט די עקספּלואטאציע פונ מענטש דורכ מענטש אונ באפעסטיקט די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, האָט דער־וויזנ דער גאנצער וועלט די גערעכטיקײַט פונ זײַנ זאכ. דערינ איז דער הויפּט־סאכאקל, ווײַל ער פארפעסטיקט דעם גלויבנ אינ די קוי־כעס פונעם ארבעטער־קלאס אונ אינ דער אומפארמײַדלעכקײַט פונ זײַנ ענדגילטיקנ זיג.

די בורזשואזיע פונ אלע לענדער טײַנעט, אז דאָס פאָלק קאָנ זיכ ניט באגיינ אָנ קאפּיטאליסטנ אונ פּריצים, אָנ סאָכרים אונ באלעגו־פים. דער ארבעטער־קלאס פונ אונדזער לאנד האָט דערוויזנ אינ דער פּראקטיק, אז דאָס פאָלק קאָנ מיט דערפּאָלג זיכ באגיינ אָנ עקספּלואַ־טאטאָרנ.

די בורזשואזיע פונ אלע לענדער טײַנעט, אז, האָבנדיק צעשטערט די אלטע בורזשואזע אָרדענונגענ, איז דער ארבעטער־קלאס ניט פייִק אויסצובויענ עטוואָס נײַעס, אָנשטאָט דעם אלטנ. דער ארבעטער־קלאס פונ אונדזער לאנד האָט באוויזנ אינ דער פּראקטיק, אז ער איז פול־שטענדיק פייִק ניט בלויז צו צעשטערנ די אלטע אָרדענונג, נאָר אויכ אויסבויענ א נײַע, בעסערע, א סאָציאַליסטישע אָרדענונג אונ דערבײַ אזא אָרדענונג, וואָס ווייסט ניט ניט פונ קיינ קריזיסנ, ניט פונ קיינ ארבעטסלאָזיקײַט.

די בורזשואזיע פונ אלע לענדער טײַנעט, אז דאָס פּויערטום איז ניט פייִק צו שטעלנ זיכ אפנ וועג פונעם סאָציאַליזם. דאָס קאָלווירטישע פּויערטום פונ אונדזער לאנד האָט דערוויזנ אינ דער פּראקטיק, אז עס קאָנ מיט דערפּאָלג זיכ שטעלנ אפנ וועג פונעם סאָציאַליזם.

דער איקער, וואָס די בורזשואזיע פונ אלע לענדער אונ אירע רע־פאָרמיסטישע נאָכשלעפּער האלטנ באזונדערס אינ אייִנ דערשלאָגנ זיכ, — איז דאָס, אז מע זאָל אויסוואָרצלענ אינעם ארבעטער־קלאס דעם גלויבנ אינ זײַנע קויכעס, דעם גלויבנ אינ דער מעגלעכקײַט אונ אומפארמײַדלעכקײַט פונ זײַנ זיג אונ דערמיט גופע פאראייביקנ די קאַ־פּיטאליסטישע שקלאפערײַ. ווײַל די בורזשואזיע ווייסט, אז אויב דער קאפּיטאליזם איז נאָכ ניט אראָפּגעוואָרפנ געוואָרנ אונ ער עקזיסטירט נאָכ אלץ, האָט ער דערמיט צו פארדאנקענ ניט זײַנע גוטע אייגנ־שאפטנ, נאָר דאָס, וואָס דער פּראָלעטאריאט האָט נאָכ ניט גענוג גלויבנ אינ דער מעגלעכקײַט פונ זײַנ זיג. מע קאָנ ניט זאָגנ, אז די באמיִונגענ פונ דער בורזשואזיע אינ דער דאָזיקער ריכטונג זאָלנ בלײַבנ אבסאָליוט אָנ דערפּאָלג. מע דארפ אָנערקענענ, אז דער בור־

זשואזיע און אירע אגענטנ אינעם ארבעטער-קלאס האָט זיכ אינ א געוויסער מאָס איינגעגעבנ אָפּצוסאמענ די נעשאָמע פונעם ארבעטער-קלאס מיטנ סאמ פונ ספּיקעס און אומגלויבנ. אויב די דערפאָלגנ פונעם ארבעטער-קלאס פונ אונדזער לאנד, אויב זיינ קאמפּ און זיג וועלנ מיטדינענ צו אופהייבנ די מוט פונעם ארבעטער-קלאס פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער און פארפעסטיקנ אינ אים דעם גלויבנ אינ זיינע קויכעס, דעם גלויבנ אינ זיינ זיג, קאָנ אונדזער פּארטיי זאָגנ, אז זי ארבעט ניט אומזיסט. מע קאָנ ניט צווייפלענ, אז אזוי וועט עס טאקע זיינ. (שטורמישע דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטנ.)

זאָל לעבנ אונדזער זיגרייכער ארבעטער-קלאס! (אפּלאָדיסמענטנ.)

זאָל לעבנ אונדזער זיגרייכ קאָלווירטיש פּויערטום! (אפּלאָדיסמענטנ.)

זאָל לעבנ אונדזער סאָציאליסטישע אינטעליגענצ! (אפּלאָדיסמענטנ.)

זאָל לעבנ די גרויסע פריינטשאפט פונ די פעלקער פונ אונדזער לאנד! (אפּלאָדיסמענטנ.)

זאָל לעבנ די אלפארבאנדישע קאָמוניסטישע פּארטיי באָלשעוויקעם! (אפּלאָדיסמענטנ.)

(אלע דעלעגאטנ הייבנ זיכ אופ, שטייענדיק באגריסנ זיי דעמ כאווער סטאלינ און אָרדענע אים איינ א לאנגדויערנדיקע אָוואציע. אויסרופנ: „הורא! זאָל לעבנ דער כאווער סטאלינ! דעם גרויסנ סטאלינ — הורא! אונדזער באליבטנ סטאלינ — הורא!".)

אינהאלט

זײַט

I. די צווישנפעלקערלעכע לאגע פונעם ראטנפארבאנד 5

1. דער נײַער עקאנאמישער קריזיס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער. די פאר־שארפונג פונעם קאמפ פאר אפזאצ־מערק, פאר רויווארג־קוואלנ, פאר א נײַער איבערפארטיילונג פונ דער וועלט 6
2. די פארשארפונג פונ דער צווישנפעלקערלעכער פאליטישער לאגע, דער קראכ פונ דער נאכמילכאמעדיקער סיסטעמ שאלעמ־אפמאכנ, דער אנהייב פונ א נײַער אימפעריאליסטישער מילכאמע 10
3. דער ראטנפארבאנד אונ די קאפיטאליסטישע לענדער 15

II. די אינערלעכע לאגע פונעם ראטנפארבאנד 18

1. דער ווײַטערדיקער אופשטײַג פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער לאנדווירטשאפט 19
2. דער ווײַטערדיקער אופשטײַג פונ דער מאטעריעלער אונ קולטורעלער לאגע פונעם פאלק 31
3. די ווײַטערדיקע פארפעסטיקונג פונ דער סאוועטישער ארדענונג 35

III. די ווײַטערדיקע פארשטארקונג פונ דער אלקפ(ב) 38

1. די מיטלענ צו פארבעסערנ דעמ באשטאנד פונ דער פארטיי. די דעקאנצענטרי־רונג פונ די ארגאניזאציעס. די דערנעענטערונג פונ די אנפירנדיקע ארגאנענ צו דער אונטערשטער ארבעט 40
2. דאס צוקלײַבנ קאדרענ, דאס ארויסרוקנ זיי, דאס פאנאנדערשטעלנ זיי . . . 42
3. די פארטייִשע פראפאגאנדע. די מארקסיסטיש־לעניניסטישע דערציִונג פונ די פארטיי־מיטגלידער אונ פונ די פארטיי־קאדרענ 45
4. אייניקע פראגנ פונ טעאריע 48

Редактор перевода З. Шустерман. Техредактор А. Фридкин. Корректор Л. Кенигсберг. Сдано в набор 23/III-39 г. Подписано к печати 1/IV-39 г. Ф. б. 60X92$^{1}/_{16}$, п. л. 4. Уч. изд. л. 4. Уполн. Главлита РСФСР А—5607. Гос. изд-во „Дер Эмес“ № 224.
Тираж 40000

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 367.